UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 16 10 23 12 005 3

EMOVE
THIS POCKET

NTO LIBRARY

DS 125 Z5

Zhitlowsky, Chaim
Eretz yistoel un di yidishe

283

# ארץ ישראל
# און די
# אידישע ארבייטערשאפט

טענות אנטגעגען ארץ ישראל

JEWISH TEACHERS ... UNIVERSITY

דר. חיים זשיטלאווסקי

פרייז 25 סענט

ארויסגעגעבען פון
פועלי ציון פערלאג
266 גרענד סטריט
ניו יארק — 1918.

Digitized by the Internet Archive
in 2011 with funding from
University of Toronto

http://www.archive.org/details/eretsyiroelundii00zhit

# ארץ ישראל און די אידישע אַרבייטערשאַפט

---

## טענות אַנטגעגען ארץ ישראל

---

פֿון


## דר. חיים זשיטלאָווסקי


---


ארויסגעגעבען פון

פועלי ציון פערלאַג

---

ניו יאָרק — 1918.



LIBRARY
MAR
1979
UNIVERSITY OF TORONTO

# אינהאלט:

פארווארט — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 4

ארץ ישראל און די אידישע ארבייטערשאפט.

1) ארץ ישראל — א פרידענס־אינזעל — — — — — — — — — — — — 5

2) דער אידישער אלוועלטליכער קאנגרעס און די גרויס־קאלאניזאציע — — 10

3) א סאציאליסטישע רעפובליק? — — — — — — — — — — — — — — 16

4) די נייע דעמאקראטיע — — — — — — — — — — — — — — — — 22

טענות אנטגעגען ארץ־ישראל:

1) טענות שבכתב און טענות שבעל פה — — — — — — — — — — — — 30

2) די אראבישע פראגע — — — — — — — — — — — — — — — — 37

3) די „אנעקסיע"־פראגע — — — — — — — — — — — — — — — 48

4) ציוניזם און קלאסען־קאמפף — — — — — — — — — — — — — 54

5) די מעגליכקייטס־פראגע — — — — — — — — — — — — — — 64

# ארץ־ישראל און די אידישע ארבייטערשאפט

## פאַרוואָרט

די אַרטיקלען: "ארץ ישראל און די אידישע אַרבייטערשאַפט, זיינען געווען געדרוקט אין „טאָג", אין מאַי, 1918, נאָך איידער דער אידישער אַרבייטער־קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל איז צענויפגערופען געוואָרען.

די אַרטיקלען: „טענות אַנטקעגען ארץ ישראל" זיינען פריהער ערשינען אין דער „צוקונפט", פאַר יוני, יולי און אויגוסט, 1918.

ביידע סעריעס ווערען דאָ איבערגעגעבען אָהן אַ וועלכער עס איז ענדערונג.

אָקטאָבער, 1918.

1

# ארץ ישראל — אַ פרידענס־אינזעל

דער וועלט־קריעג האָט אוועקגעשטעלט די נאַציאָנאַלע פראַגע אין דעם צענטער פון אַלע פּראָבלעמען, וואָס באַשעפטיגען אונזער צייט. עס איז געוואָרען קלאָר און מיט יעדען טאָג ווערט אַלץ קלערער, אַז אַט די אַנגעוועהטאָגטע פראַגע קאָן מענשליך פאַרענטפערט ווערען ניט אַנדערש, סיידען דורך דער באַפרייאונג פון די אונטערדריקטע פעלקער, דורך די פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס זאָל געגעבען ווערען צו יעדען איינעם פון זיי.

איך וויל דאָ דערמאָנען, אַז דער גאַנצער באַדייט פון פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט פאַר אַ פאָלק טרעט אַרויס אַם בולט׳סטען אין יענע מאָמענטען פון דער געשיכטע, ווען עס וואַקסט אַרויס די פראַגע פון קריעג און פריעדען.

באַטראַכט אין דעם איצטיגען וועלט־קריעג די לאַגע פון דעם שווייצאַרישען פאָלק, וואָס באַשטעהט אינגאַנצען פון אַן ערך אַ דריי מיליאָן מענשען.

אויב עס איז דאָ וועמען עס איז מקנא צו זיין אין דער איצטיגער צייט, איז דאָס געוויס יענעם קליינעם, גאָט־געבענשטען פעלקעלע, וואָס האָט אַ דאַנק זיין פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט, געקאָנט דורכפיהרען זיין ווילען, צו בלייבען נייטראַל און צו פאַרהיטען דאָס לעבען פון זיינע קינדער. אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט די ווילד זיך שליידערנדע וואַלען פון דעם בלוטיגען ים, שטעהט דאָס שווייצאַרישע פאָלק ווי אַ פעסטער פעלז, אָן וועלכען עס ווערען געבראָכען די ברויזענדע בלוט־וואַלען, און קיין איין טראָפּען בלוט קאָן ניט פאַרשפּריצט ווערען אין זיין לאַנד.

אַ גרויסער טייל פון זיינע קינדער איז צעזעעט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער עס איז ניטאָ קיין איין מאַכט אין דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען אַ כאַפּ טאָן זיינס אַ קינד פאַר׳ן

קאָלנער און געגען זיין אייגענעם ווילען אריינוואַרפען אין קאָלך־אזיוועז פון דעם איצטיגען וועלט־בראַנד.

צו אזא לאַגע דאַרף שטרעבען יעדעס פאָלק. צו אזא לאַגע דאַרף אויך שטרעבען דאָס אידישע פאָלק, אויב עס איז נאָר פאַר־אינטערעסירט אין דער פאַרענטפערונג פון זיין נאַציאָנאַלען פּראָב־לעם, אין דער זעלבסטבאַשטימונג פון זיין נאַציאָנאַלען גורל, איז דער מאַכט צו באַשיצען דאָס לעבען פון זיינע קינדער, ניט נאָר פון די, וואָס וואוינען אין זיין לאַנד, נאָר אויך פון די, וואָס זענען געצוואונגען צו וואוינען דרויסען פון איהם.

אָט די פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט קאָן דאָס אידישע פאָלק האָבען נאָר יעמאָלט, ווען עס וועט האָבען אַן אייגען לאַנד, אַן אייגענע פרייע זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנאַלע היים.

אָט דאָס איז דער אמת'ער, דער טיפסטער זין פון דעם ציוניזם, ווי ער ווערט דיקטירט פון די נויטען פון אונזער צייט. אַלע אַנדערע ראָמאַנטישע אידעאַלען און שטרעבונגען, וואָס האָבען זיך היסטאָ־ריש פאַרבונדען מיט איהם, זענען אַ תפל, אַ געשיכטליכער צופאַל. דאָס זענען אַלץ „י ע נ ע ־וועלטיגע" שטרעבונגען, וואָס זענען אַנגעוואַקסען אין איהם, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין מאַכט צו קעמפען דירעקט אין לעבען פאַר זיין אינווענינגסטען סאָציאַלען און פּאָליטישען תוך.

אַן אייגענע פרייע זעלבסשטענדיגע נייטראַלע רעפּובליק אין ארץ ישראל, אויפגעבויט אויף פּראָגרעסיווע יסודות פון דער מאָ־דערנער געזעצגעבונג און דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע; אַ רע־פּובליק, וואָס זאָל פאַרזיכערען פאַר איהרע קינדער דאָס לעבען און די פּערזענליכע פרייהייט; אַ רעפּובליק, וואָס זאָל קאָנען פאַר־שפּרייטען איהר שוץ אויף אַ וואָס אַ גרעסערער צאָל פון אידען, סיי־אין דער היים, סיי אין דער פרעמד, — אָט די אינווענינגסטע פאָ־דערונג פון ציוניזם, וואָס איז אין דער לעצטער צייט ארומגע־וואַקסען געוואָרען מיט אַלערליי ווילד־פלייש, מוז איצטער ארויס־באַפרייט ווערען, סיי פאַר אונז, סיי פאַר דער וועלט, נ י ט ווי אַ ווייטער־ווייטער ענד־ציעל, צו וועלכען מיר וועלען זיך ווען עס איז ארויפדראַפּען איבער טויזענדער טרעפּלעך, דורך טויזענדער קאָמפּראָמיסען. עס דאַרף אוועקגעשטעלט ווערען, ווי אַ פּ ר אָ ־

נ ר א ם מ י נ י מ ו ם , ווי אן אויפגאַבע, וואָס צו איהר פאַר־ווירקליכונג דאַרף מען צוטרעטען ש ו י ן, א ו י ף ' ן ש ט ע ל .

עס איז איצטער ניטאָ ביי דעם אידישען פאָלק קיין אַנדער קלאַס וואָס זאָל קאָנען אויפפאַסען דעם ציוניזם אין זיין ריינעם טעריטאָריאַליסטיישען, ד. ה., סאָציאַל־פּאָליטיישען זין, ווי נאָר ד ע ר א ר ב י י ט ע ר ק ל א ס , וואָס איז, דאַנקען גאָט, גע־בליבען פריי פון דער אַלטער ציוניסטיישער אידעאָלאָגיע און פּראַ־זעאָלאָגיע.

דער אידישער אַרבייטער־קלאַס דאַרף דעריבער אויפנעמען אָט די דאָזיגע אויפגאַבע אין איהר גאַנצער ראַדיקאַלער קאָנסע־קווענץ און ווערען אין דעם פּונקט דער פיהרער פון דעם גאַנצען פאָלק.

אויף דעם אַרבייטער־קאָנגרעס, וואָס וועט איינגיבען פאַרקו־מען, דאַרף די אידישע אַרבייטערשאַפט קודם כל פאָרמולירען אָט די צענטראַלע, אונקאָמפּראָמיסליכע פאָדערונג איהרע: א זעלבסט־שטענדיגע אידישע נייטראַלע רעפּובליק אין ארץ־ישראל. זי מוז אויסאַרבייטען יענע פּראַקטיישע מיטלען, וואָס זאָלען דורכברעכען אַ וועג אין לעבען פאַר דער פאַרווירקליכונג פון אָט דער צענט־ראַלער, אונקאָמפּראָמיסליכער פאָדערונג.

זענען דאָ וועלכע עס איז שאַנסען, אַז אונזער פאָדערונג זאָל שוין אין אונזער צייט פאַרווירקליכט ווערען? עס זאָל אַוועקגע־לעגט ווערען א פּאָליטישער פ ו נ ד א מ ע נ ט פאַר דער אויפבוי פון אַ פרייער אידישער רעפּובליק?

דער ערשטער קאַמף־פּלאַן פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט פאַר אַ נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיגקייט וועט זיין דער קומענ־דער פ ר י ד ע נ ס ־ ק אָ נ ג ר ע ס . מיר דאַרפען זעהן, אַז אונ־זער פאָדערונג זאָל אַרויפגעשטעלט ווערען אויף'ן טאַגעסאָרדנונג און זאָל פאַרהאַנדעלט ווערען דאָרטען.

דאָס קאָן מען דורכפיהרען, אויב עס וועט זיך איינגעבען צו פאַראינטערעסירען אין איהר די וויכטיגסטע א ר ב י י ט ע ר ־ פּאַרטייען פון דער וועלט און אַלע יענע רעגירונגען, וואָס זענען ניט פאַראינטערעסירט, אַז ארץ־ישראל זאָל בלייבען אין די הענט פון טערקיי אָדער אין די הענט פון אַ וועלכער עס איז אַנדער מאַכט.

פאַרגעסען מיר ניט, אַז עס ליגט אין די אינטערעסען פון דער מ אַ י אָ ר י ט ע ט פון די איצטיגע רעגירונגען, ארץ־ישראל זאָל בעסער דערקלערט ווערען ווי אַ נייטראַלע זעלבסטשטענדיגע מדינה, איידער זי זאָל באַלאַנגען צו דעם אָדער יענעם פון די אימפּעריאַליסטישע לייבען, וואָס ווערט זי אויסנוצען צו פאַר־שטאַרקען זיין פּאָליטישע מאַכט.

פאַרגעסען מיר ניט, אַז אַלע דעמאָקראַטישע און פרידענס־ליבענדע עלעמענטען פון דער איצטיגער וועלט וועלען מיט פרייד באַגריסען דעם פּלאַן צו שאַפען נאָך אַ נייעם נ י י ט ר אַ ל ע ן שטאַאט, נאָך אַ נייעם פ ר י ד ע נ ס־ א י נ ז ע ל אין דער ממשלה פון דער מענשהייט.

אויב דער פרידענס־קאָנגרעס וועט באמת זיין אַ קאָנגרעס פון פעלקער און ניט קיין אוידיענץ פון בעזיעגטע שקלאַפען, וואָס וועלען דאַרפען קומען און ברענגען טריבוט צו דעם זיעגרייכען דייטשען קיסר און אויסדריקען זייער אונטערטעניגקייט צו איהם, וועט ער, דער קאָנגרעס, יעמאָלט שטעהן אונטער דעם דרוק פון דער עפענטליכער מיינונג אין יעדען פרייען לאַנד, פון דער אַלין וואקסענדער פּאָליטישער מאַכט, וואָס דער אַלוועלטליכער פּראָלע־טאַריאַט געווינט איצטער מיט יעדען טאָג אין דעם פּאָליטישען לעבען; און אויך אונטער דעם דרוק פון יענע רעגירונגען, וואָס זענען ניט פאַראינטערעסירט, אַז די אָדער יענע וועלט־מאַכט זאָל פאַרשטאַרקען איהר פּאָליטישען איינפלוס אין דעם וויטען מזרח דורך דעם באַזיץ פון ארץ־ישראל.

אויף וויפיעל מען קאָן איצטער באאורטיילען די לאַגע, קאָ־נען מיר געווינען אויף אונזער זייט אַלע אַרבייטער פּאַרטייען פון דער וועלט, די רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַאטען, און נאָך אַ פּאָר איינפלוסרייכע, מעכטיגע רעגירונגען, וועמעס נעמען עס איז ניט נויטיג דאָ אויסצורעכענען.

זייער הילף ק אָ נ ע ן מיר געווינען און מיט זייער הילף קאָנען מיר רעכענען אויף ערפאָלג.

געוויס דאַרפען מיר זיין גרייט, אַז דער פרידענס־קאָנגרעס וועט אונז ניט איבערגעבען תיכף ומיד די סאָווערענע באַלעבאַטיש־קייט איבער'ן לאַנד.

דער פרידענס־קאָנגרעס קאָן נאָר באַשטימען דעם אויפבוי פון אַ אידישער נייטראַלער רעפובליק, אַן ערך, אין דער פאָרם פון אַזא באַשלוס:

עס זאָל באַשאַפען ווערען אַ פרייע, נייטראַלע רעפובליק אין ארץ־ישראל, אין די און די גרעניצען, און עס זאָל דעם אידישען פאָלק געגעבען ווערען דאָס פאָליטיש־גאַראַנטירטע רעכט און מעגליכקייט, צו קאָלאָניזירען עס, אויפצובויען עס און צו בילדען דאָרט אַ מאַיאָריטעט.

די סואווערענע באַלעבאַטישקייט איבער דעם לאַנד ביז צו דעם מאָמענט, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט דאָרטען אויפבויען אַ מאַיאָריטעט, וועט מוזען איבערגעגעבען ווערען אין די הענט פון אַ פראָטעקטאַראַט.

ווער עס זאָל האָבען דעם פראַטעקטאָראַט איבער'ן לאַנד?

אויב די אידישע אַרבייטערשאַפט איז באמת פאַראינטערעסירט, אַז ארץ־ישראל זאָל זיין אַ פריי לאַנד און אַ נייטראַל לאַנד; אַז עס זאָל אַרויסגענומען ווערען פון יענעם דיפּלאָמאַטישע אינטריגען־שפּיעל, וואָס ווערט אָנגעפיהרט אין דער פּאָליטיק פון דעם ווייטען מזרח; אַז עס זאָל בלייבען געשיצט און געזיכערט פון אַלע אימפּעריאַליסטישע געלוסטען, דאַרף זי, די אידישע אַרבייטערשאַפט, פאָדערן, אַז דער צייטווייליגער פּראָטעקטאָראַט איבער אונזער לאַנד זאָל איבערגעבען ווערען אין די הענט פון אַ נייטראַלער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע.

און אויך אָט די פאָדערונג אונזערע וועט ווערען אונטערשטיצט פון די זעלבע פּאָליטישע מאַכט־פאַקטאָרען, וואָס מיר ווע־לען פאַראינטערעסירען אין דער באַשאַפונג פון אַ נייטראַלער אידישער רעפובליק, אין דער באַשאַפונג פון אַ נייעם פרידענס־אינזעל פאַר דער מענשהייט.

און אויך די פאָדערונג קאָן דורכגעפיהרט ווערען מיט זייער הילף.

2

# דער אידישער אַלוועלטליכער קאָנגרעס און די גרויס-קאָלאָניזאַציע

מיר האָבען געזעהן, אין וואָס עס דאַרף באַשטעהן די צענט־ראַלע, וויכטיגסטע אויפגאַבע פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט בנוגע צו ארץ־ישראל.

זי דאַרף זעהן, אַז דער פרידענס־קאָנגרעס זאָל באַשליסען, צו באַשאַפען אַ פרייע נייטראַלע רעפובליק אין ארץ ישראל, וואו דעם אידישען פאָלק זאָל געגעבען ווערען די גאַראַנטירטע מעגליכ־קייט צו קאָלאָניזירען דאָס לאַנד און צו בילדען דאָרטען אַ מאַיאָ־ריטעט.

מיר האָבען אויך געזעהן, אַז די  ס ו א ו ע ר ע נ י ט ע ט איבער דעם לאַנד, ביז צו דער אויסבילדונג פון דער אידישער מאַ־יאָריטעט, דאַרף איבערגעגעבען ווערען אין די הענט פון אַ נייטראַ־לער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע.

אָט די צייטווייליגע סואווערינע מאַכט איבער ארץ־ישראל וועט דאַרפען איבערגעבען דעם אידישען פאָלק דעם טשאַרטער אויף דער קאָלאָניזירונג פון דעם לאַנד.

אין וועמעס הענט פון דעם אידישען פאָלק זאָל דער טשאַר־טער איבערגעגעבען ווערען? ווער האָט אַ רעכט אַרויסצוטרעטען, צו רעדען און צו האַנדלען אין דעם נאָמען פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק?

עס איז אין דער לעצטער צייט אַרויסגעזאָגט געוואָרען דער געדאַנק, אַז די אַלוועלטליכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז דער רעכטמעסיגער פאַרטרעטער פון דעם אידישען פאָלק בנוגע דער ארץ־ישראל־פראַגע און אַז ממילא דאַרף דער טשאַרטער איבערגע־געבען ווערען אין איהרע הענט.

מען ווייזט אָן אויף דעם פאַקט, אַז זי איז געוועזען די איינצי־גע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט ביז אהער געקעמפט פאַר דעם ציוניס־

טיטען ענד־ציעל; אז זי האט שוין פריהער געפיהרט פאליטישע אונטערדרונגען וועגען א טשארטער אויף ארץ־ישראל; אז זי האט ארויסגערופען אין לעבען פיעלע אינסטיטוציעס, וואס זענען נויטיג פאר דער קאלאניזירונג פון דעם לאנד; אז זי האט שוין זעהר פיעל אויפגעטאן פאר דער באשאפונג פון א מאדערנעם ישוב אין ארץ־ישראל; אז די דעקלאראציע פון דער ענגלישער רע־גירונג דארף מען פארדאנקען דער טעטיגקייט פון דער ציוניסטי־שער פארטיי און איז מיטגעטיילט געווארען איהר; אז אט די פארטיי איז ניט קיין ארגאניזאציע פון א באשטימטען קלאס אין אונזער פאלק, נאר נעהמט אריין אין זיך פארטרעטער פון אלע קלאסען, די ארבייטער אזוי גוט ווי די באלעבאטישע, און אז זי שטעהט שוין איצטער אין פארבינדונג מיט דער ענגלישער רע־גירונג.

די אלע ארגומענטען, ווי וויכטיג אדער אונוויכטיג זיי זאלען ניט זיין, קאנען אבער ניט פארדעקען דעם קארדינאלען פאקט, וועלכען מען דארף האבען אין זינען, ווען מען רעדט וועגען דאס רעכט, אפיציעל ארויסצוטרעטען אין דעם נאמען פון דעם גאנצען פאלק.

דער פאקט איז, אז די ציוניסטישע פארטיי איז א פ א ר ט י י, ד. ה., איין איינציגע ר י כ ט ו נ ג אין דעם לעבען פון אונזער פאלק, און ניט דאס גאנצע אידישע פאלק.

די ציוניסטישע פארטיי, ווי זי האט זיך היסטאריש אויסגע־בילדעט, האט צו איהר צוועק ניט נאר די באשאפונג פון א נא־ציאנאלער היים פאר'ן אידישען פאלק אין ארץ־ישראל, נאר אויך די דערגרייכונג פון א נ ד ע ר ע ציעלען, דער עיקר קולטורעלע און נאציאנאלע פון א באשטימטען כאראקטער.

גלייך אין אנהויב פון איהר טעטיגקייט האט די ציוניסטי־שע פארטיי, דורך דר. הערצל'ס ליפען, דערקלערט, אז „דער ציוניזם איז דער צוריקקעהר צו דעם אידענטום, איידער דער צוריקקעהר אין דאס אידישע לאנד" און פון דעמאלט אן איז דער פראבלעם פון דעם „אידענטום" אוועקגעשטעלט געווארען אין דעם צענטער פון דער ציוניסטישער טעטיגקייט אזוי, אז אפילו פראמינענטע פיהרער פון דעם ארבייטער־ציוניזם האבען זיך עפענטליך געקאנט אויס־

דריקען, אַז פאַר זיי זיינען די אינטערעסען פון דעם אידענטום וויכ־טיגער, איידער די אינטערעסען פו די איצטער לעבענדע אידישע פאָלקס־מאַסען.

די ציוניסטישע פאַרטיי האָט אויך אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם אידישען פאָלק אין ארץ־ישראל דאַרף זיין העברעאיש. דאָס הייסט, אַז די פאַרטיי האָט זיך שוין געבונדען מיט אַ באַשטימטען ענטפער אויף איינעם פון די וויכ־טיגסטע פּראָבלעמען פון דעם אידישען נאַציאָנאַלען לעבען.

זי האָט אויסגעאַרבייט אַ געוויסען פּלאַן, ווי צו קאָלאָניזירען דאָס לאַנד און האָט אַרויסגערופען אינסטיטוציעס, וואָס זענען אָנגענומען צו איהר פּלאַן. דאָס הייסט, אַז אויך אין דער קאָ־לאָניזאַציאָנס־פּראַגע האָט זי שוין אַ געוויסע ליניע, וואָס באַשטימט איהר פאַרטיי־טאַקטיק.

זי שטעהט אין נאָהענטע באַציהונגען צו אַ מעכטיגער רע־גירונג, מיט וועלכער זי איז שוין אפשר אַריינגעטראָטען אין גע־וויסע אָפּמאַכען. דאָס הייסט, אַז איהר פּאָליטישע אָריענטאַציע איז שוין לכתחלה באַשטימט.

אַ חוץ דעם איז איהר ע נ ד ־ צ י ע ל, מיט וועלכען זי איז געבונדען, פאַראַלטערט און ניט אָנגעמאָסטען צו די פאָדע־רונגען פון דער צייט. די ציוניסטען פאָדערען אַן „עפענטליך־רעכטליך געזיכערטע היים", בעת איצטער דאַרף געפאָדערט ווערען אַ פרייע זעלבסטשטענדיגע נייטראַלע רעפּובליק.

דערצו קומט וואָס די טעטיגקייט פון די ציוניסטישע פאַר־טייען אין אַלע לענדער, אין געוויסע וויכטיגע פראַגען פון דעם לע־בען אין חוץ־לאַרץ, האָט אַרויסגערופען אַנטקעגען זיך דעם העפ־טיגסטען פּראָטעסט און דעם שאַרפסטען מיסטרויען מצד די פּראָ־גרעסיווע און רעוואָלוציאָנערע אידישע אַרבייטער־מאַסען.

דאָס אַליז שטרייכט אונטער בולט און שאַרף דעם פּ אַ ר ־ ט י י ־ כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דערביי האַנדעלט עס זיך ניט וועגען דער פראַגע, צי דאָס איז אַ „גוטע" פאַרטיי אָדער אַ „שלעכטע", אַ ניצליכע פאַר'ן פאָלק אָדער אַ שעד־ליכע, צי אַ פּראָגרעסיווע אָדער אַ רעאַקציאָנערע. עס האַנדעלט זיך וועגען דעם קאַרדינאַלען פאַקט, אַז די איצטיגע ציוניסטישע

אָרגאַניזאַציע א י ז א פ א ר ט י י, מיט אַ באַשטימטער ריכ־טונג אין דעם אידישען לעבען.

ארץ־ישראל דאַרף אָבער אוועקגעגעבען ווערען דעם גאַנצען אידישען פאָלק. אויף ארץ־ישראל האָט אַ רעכט י ע ד ע ר איד, וואָס וויל, אַז ארץ־ישראל זאָל ווערען די נאַציאָנאַלע היים פון דעם אידישען פאָלק: סיי דער וואָס גלויבט אין „אידענטום", סיי דער וואָס לייקענט עס אָפּ; סיי דער העברעאיסט, סיי דער אידישיסט; סיי דער וואָס האַלט אַז דער ציוניזם האָט פיעל אויפגעטאָן פאַר דער אידישער באַפרייאונג, סיי דער וואָס איז מבטל איהר גאַנצע פריהערדיגע טעטיגקייט כקליפת השום; סיי דער וואָס וויל זיך פּאָליטיש אָריענטירען אָן ענגלאַנד, סיי די וואָס גלויבען אין אַן אַנדער פּאָליטישער אָריענטאציע, אָדער די וואָס פאָדערן, אַז בנוגע ארץ־ישראל זאָל דאָס אידישע פאָלק פיהרען אַן אייגענע אונאָפּ־הענגיגע ליניע, וואָס ציעלט צו פּאָלשטענדיגער פּאָליטישער זעלבסט שטענדיגקייט און נייטראַליטעט.

און ווען אפילו די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל איצטער צע־נויפרופען איהר אַל־וועלטליכען קאָנגרעס, אויף וועלכען זי זאָל רעווידירען אַלע ביז איצטיגע באַשלוסען, — אויפהויבען איהר ענדציעל אויף דער הויך פון דער איצטיגער סיטואַציע, ברייט־מאַ־כען איהרע ראַהמען אַזוי, אַז י ע ד ע ר איד, וואָס וויל ארץ־ישראל, זאָל קאָנען אַרייטרעטען אין איהר, — וועט דאָס איהר נאָך אויך ניט געבען דאָס רעכט אַרויסצוטרעטען אין דעם נאָמען פון דעם אידישען פאָלק. ווייל אַ רעכט, אָפיציעל צו רעדען אין איינעמס נאָמען, קאָן ניט ג ע נ ו מ ע ן ווערען; עס דאַרף ג ע־ג ע ב ע ן ווערען.

אַ רעכט צו רעדען אין דעם נאָמען פון דעם אידישען פאָלק דאַרף ג ע ג ע ב ע ן ווערען פון דעם אידישען פאָלק, — דאָס הייסט, פון אַ דעמאָקראַטישען אַלוועלטליכען אידישען קאָנגרעס, צונויפגערופען פון אַן אָפיציעלער קערפערשאַפט. און צונויפגע־שטעלט ווערען דאַרף ער אַזוי, אַז אַלע טענדענצען אין דעם אידי־שען נאַציאָנאַלען לעבען זאָלען קאָנען האָבען אויף איהם זייער מעגליכסט פרייען אויסדרוק.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער קאָנגרעס דאַרף צונויפגערופען

ווערען נאָר פון יענע אידען, וואָס ווילען האָבען ארץ־ישראל פאַר אַ אידישע נאַציאָנאַלע היים.

די אידישע אַרבייטערשאַפט מוז דעריבער העפטיג פּראָטעסטירען אַנטקעגען די פּרעטענזיעס פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי, אָדער פון װעלכער עס איז אַנדער פּאַרטיי, צו פאַרכאַפּען מיט דער אייגענער מאַכט די פּאָליטישע פאַרטרעטערשאַפט פון דעם גאַנצען פאָלק. זי מוז פאָדערען, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע, וואָס וועט אויסגעקליבען ווערען פון דעם פרידענס־קאָנגרעס, זאָל צונויפרופען אַן אַלוועלטליכען אידישען קאָנגרעס אויף די דעמאָקראַטישסטע יסודות, וואָס זאָל אויסקלייבען אַן אָפּיציעלע פאַרטרעטערשאַפט פון דעם אידישען פאָלק בנוגע ארץ־ישראל.

נאָר אין די הענט פון יענער פאַרטרעטערשאַפט זאָל די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסע איבערגעבען די פולמאַכט צו קאָלאָניזירען דאָס לאַנד אַזוי, אַז די אידישע מאַיאָריטעט זאָל דאָרטען קאָנען באַזעצט ווערען אין דער מעגליך גרעסטער צאָל, אין דער מעגליך קלענסטער צייט.

אויף דעם אידישען אַל־וועלטליכען קאָנגרעס וועט די אידישע אַרבייטערשאַפט מוזען פאָדערען קודם כל, אַז די קאָלאָניזאַציע פון דעם לאַנד זאָל געפיהרט ווערען אויף דעם מעגליך גרעסטען מאַסשטאַב.

דער ערשטער שריט מוז באַשטעהן אין דעם, אַז דאָס ניט־באַזעצטע און ניט באַבויטע לאַנד זאָל פאַרבערייטעט ווערען פאַר אַ מענשליכען ישוב, און אַז די נאַטירליכע רייכטימער איהרע, וואָס זענען נאָך ניט אָנגעריהרט געוואָרען, זאָלען אויסגענוצט ווערען לטובת פון דער גאַנצער פּאַלעסטינישער באַפעלקערונג...

עס מוזען אויסגעטרוקענט ווערען די זומפּען, באַוואַסערט ווערען די סטעפּעס, באַוואַלדערט ווערען די בערג, וואָס זענען איצט

וויסט. א גרויסער טייל פון די קאלך־בערג דארף באזעצט ווערען מיט אלפאלפא און אנדערע פאסיגע גראזען פאר דער ענטוויקלונג פון דער מילך־ווירטשאפט. עס דארפען געבויט ווערען אייזענבאהנען, טראמווייען און עס דארפען דורכגעשניטען ווערען שאסעען, וועגען און טונעלען; עס דארף קארעגירט ווערען דער לויף פון דעם ירדן; עס דארף אויסגענוצט ווערען זיין אונגעהייער רייכע עלעקטרישע ענערגיע; עס דארפען בעארבייט ווערען די מינעראלע רייכטימער פון דעם ים־המלח און פון די בערג (אויב אזעלכע וועלען זיך דארטען, אין די בערג, געפינען); עס דארפען געבויט ווערען האפענס; עס דארפען געזונט געמאכט ווערען די שטעדט פון דעם לאנד און באזארגט ווערען מיט גוטע וואסערלייטונגען, מיט עלעקטרישע באלייכטונג און מיט עלעקטרישע קראפט־סטאנציעס פאר דער אינדוסטריע.

אט די אלע ארבייטען דארפען גענומען ווערען צוערשט און דורכגעפיהרט ווערען אויף דעם חשבון פון דעם כלל, צוליעב די אינטערעסען פון דעם כלל.

די דורכפיהרונג פון די אלע ארבייטען וועט באזארגען דאס לאנד, ערשטענס, מיט דעם נויטיגען קאפיטאל. די אידישע פארוואלטונג, וואס וועט צוטרעטען צו אט די אלע ארבייטען, וועט, אונטער דער גאראנטיע פון דער אינטערנאציאנאלער קאמיסיע, קאנען ארויסלאזען אבליגאציעס („באנדס") אויף דעם געוועהנליכען פראצענט און זי וועט געוויס ניט געפינען קיין שוועריגקייטען צו פלאצירען זיי אויף דעם אלוועלטליכען פינאנץ־מארק, ווייל די אבליגאציעס וועלען זיין גאראנטירט מיט דעם וואקסענדען ווערט פון די רייכטהימער, וואס ווערען דורך זיי באשאפען.

צווייטענס וועלען אט די נייע ארבייטען ניט נאר ניט אריינטרעטען אין א קאנקורענץ מיט די ווירטשאפטען, וואס זענען שוין דא אין לאנד, נאר אדרבא, שטארקען זיי און העלפען זייער אויפבליה.

דריטענס וועלען זיי תיכף באשאפען א גינסטיגען ארבייטס־מארק פאר צענדליגער און צענדליגער טויזענדער ארבייטער, וואס וועלען קאנען באצאהלט ווערען מיט די העכסט מעג־

ליכע שכירות, וואָס וועלען דעריבער קאָנען פּאָהרען אהין ניט נאָר לשם העלפּען בויען די  נ א צ י אָ נ א ל ע  היים, נאָר אויך כדי איינצופונדרעווען אַן  א י י ג ע נ ע  חשוב'ע היים פאַר זיך און פאַר דער פאַמיליע.

---

3

## אַ סאָציאַליסטישע רעפּובליק?

וואָס דאַרף זיין דער ערשטער שריט פון דעם אידישען פאָלק אין דעם אויפבוי פון דעם אידישען לאַנד?

אין דעם פאַריגען קאַפּיטעל האָבען מיר אָנגעצייגט אויף דעם ענטפער, וועלכען אונזער ארבייטערשאַפט דאַרף געבען אויף דער פראַגע.

„דער ערשטער שריט", האָבען מיר געזאָגט, „מוז באַשטעהן אין דעם, אַז דאָס ניט באַזעצטע און ניט באַבויטע לאַנד זאָל פאַרגעבערייט ווערען פאַר אַ מענשליכען ישוב און, אַז די נאַטיר־ליכע רייכטימער, וואָס זיינען נאָך ניט אָנגעריהרט געוואָרען, זאָלען אויסגענוצט ווערען לטובת פון דער גאַנצער פּאַלעסטינישער באַ־פעלקערונג."

מיר האָבען דאָרטען אויפגעוויזען אויף אַ גאַנצע רייהע פון אַזעלכע אַרבייטען, אין וועלכען דאָס לאַנד נויטיגט זיך. מיר האָבען באַמערקט, אַז דורך די אַרבייטען וועלען באַשאַפען ווערען זעהר חשוב'ע רייכטימער, וואָס אויף זייער חשבון וועט מען זעהר לייכט קאָנען קריגען די נויטיגע קאַפּיטאַלען אויף דעם אַל־וועלטליכען געלד־מאַרק. דאָס וועט פון אָנהויב אָן באַפרייען דאָס פאָלק פון דער נויטיגקייט אָנצוקומען צו די טובות פון קאַפּיטאַ־ליסטישע אונטערנעהמער.

דער וויכטיגסטער פּונקט דערביי איז אָבער דער: די אַלע אויסגערעכענטע אַרבייטער וועלען זיך נויטיגען אין אַ  ג ר ו י ס ע ר  אַרבייטס־אַרמעע, און אונזערע אַרבייטער וועלען קאָנען צוגעצוי־

גען ווערען, ניט נאָר מיט דעם אידעאַל פון בויען אַן אייגען לאַנד, נאָר מיט דעם נאַטירליכען מאַגנעט פון העכערע שכירות און בע־סערע אַרבייטס־באַדינגונגען.

אויף דעם פּונקט מוזען מיר זיך אָפּשטעלען אביסעל לענגער.

אַלע יענע אַרבייטען — באַוואַסערונג, באַוואַלדערונג און באַ־גראָזונג; אויסנוצונג פון נאַטירליכע קרעפטען און מינעראַלע רייכטימער; קאַנאַליזירונג, בוי פון פאַרקעהרס־מיטלען און האַפענס — טאָרען ניט איבערגעגעבען ווערען אין פּריוואַטע הענט, ווייל פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטען וועלען דערביי זיין פאַראינטערע־סירט קודם־כל אין דעם אונמיטעלבאַרען פּראָפיט. זיי קאָנען ניט זיין פאַראינטערעסירט אין באַשאַפונג, אָנזאַמ־לונג, פאַרמעהרונג און אויפבאַוואָהרונג פון פאָלקס־רייכטימער; אָדער ריכטיגער: זיי קאָנען זיין פאַראינטערעסירט אין דעם נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי קאָנען דעם געשאַפענעם רייכטום תיכף פאַרוואַנדלען אין אַ מקח־וממכר־אַרטיקעל פאַר'ן מאַרק. זיי מוזען זיך דעריבער רעכענען מיט די באַדינגונגען פון דעם מאַרק, און קאָנען צאָהלען נאָר אַזעלכע אַרבייטס־שכירות, וואָס הערשען אויף דעם געגעבענעם מאַרק.

אויסער דעם מוזען זיי זעהן אויסצושעפּען די שמאַלץ־גרוב וואָס גיכער, וואָס שנעלער צו פאַרוואַנדלען די רייכטימער אין אַ שטראָם פון מזומן'עם פּראָפיט.

אַ צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון אַ גאַנצען פאָלק איז אָבער פריי פון אָט די צוויי קאַפּיטאַליסטישע גרונד־טענדענצען: מאַכען וואָס אַ גרעסערען פּראָפיט און וואָס שנעלער אויסנוצען די רייכטימער. איהרע ציעלען זיינען, עקאָנאָמיש גערעכענט, גאַנץ אַנדערע: זי דאַרף זעהן, וואָס מעהר אויפצואוועקען די פאַרשלאָ־מערטע פּראָדוקטיו־כחות פון דעם לאַנד — ווי צ. ב. די וואַסער קראַפט און די עלעקטרישע קראַפט — אָנצוזאַמלען וואָס מעהר פּראָדוקציאָנס־מיטלען (דאָס וויכטיגסטע פּראָדוקציאָנס־מיטעל איז, ווי באַקאַנט, דער פאַרבעסערטער גרונד־און־באָדען) און צו־צוציהען אַ וואָס גרעסערע באַפעלקערונג אין דעם לאַנד.

דער בעסטער וועג אָבער, ווי צו־צוציהען אַ גרויסע באַפעל־

קערונג, איז — באַשאַפען אַ גינסטיגען אַרבייטס־מאַרק.

וואָס מעהר אַרבייטער עס וועלען קומען אין לאַנד, צו באַ־טייליגען זיך אין אָט די נאַציאָנאַלע אונטערנעהמונגען, אַלץ מעהר וועלע זיי זיך נויטיגען אין פאַרשיידענע לעבענס־מיטלען, וואָס מוזען דאָך ווי עס איז באַשאַפען ווערען. זיי וועלען זיך נויטיגען אין שניידער, אין שוסטער, אין פאַרמערס, אין אַלערליי באַלמע־לאָכעס, פּראָפעסיאָנאַלען און קרעמער, וואָס וועלען דאַרפען באַ־פריעדיגען זייערע קערפּערליכע און גייסטיגע באַדערפניסען. און שוין דורך דעם אַליין, וועט די באַפעלקערונג פון דעם ל אַ נ ד מוזען וואַקסען אַלץ מעהר און מעהר.

און וואָס גרעסער עס וועט זיין די שבירות פון דעם אַרבייטער, אַלץ שטאַרקער וועט זיין די קויף־קראַפט פון דעם אַרבייטער־קלאַס, אַלץ מעהר סחורות וועט ער קאָנען פאַרברויכען, אַלץ מעהר מענשען וועלען קאָנען לעבען אַרום איהם און דורך איהם; ד. ה. אַלץ שנעלער וועט וואַקסען די באַפעלקערונג פון דעם לאַנד און אַלץ העכער וועט זיך הויבען דער ווערט פון די נאַציאָנאַל־געשאַפענע גיטער.

אויף אַזאַ אופן וועט זיך דער נאַציאָנאַלער אידישער פאַר־וואַלטונג ל ו י נ ע ן, עקאָנאָמיש לוינען, צו צאָהלען די העכסט מעגליכע שכירות. זי וועט קאָנען אָוועקגעבען דעם אַרבייטער ניט נאָר דעם גאַנצען סכום דיווידענדען, וואָס דער פּריוואַט קאַ־פּיטאַל וואָלט גענומען פאַר זיך, נאָר אויך אַ טייל פון דעם צ ו ק י נ פ ט י ג ע ן ריוח. און דאָס וועט ניט זיין קיין נדבה דעם אַרבייטער, אפילו פון דעם איצטיגען קאַפּיטאַליסטישען שטאַנדפּונקט. דאָס וועט זיין אַ ה ו ס פ ה פאַר זיין גוטען ווילען צו קומען און צו זיין פון די ערשטע. עקאָנאָמיש וועט אָט די הוספה זיין אַקוראַט אַזוי באַרעכטיגט, ווי די פאַרשיידענע פּ ר ע מ י ע ס, וואָס קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפטען (איך מיין פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע) גיבען די ערשטע ישוב׳ניקעס — זיי גיבען דאָס דערפאַר, ווייל אויף דעם וועג ווערט אַם שנעלסטען באַשאַפען אַ ישוב אויף זייערע לענדערייען, און ממילא ווערט אַם זיכערסטען געטריבען אין דער הויך דער ווערט פון זייער „ריעל־עסטייט".

ווי דער לעזער פאַרשטעהט, האָט דער פּראָיעקט גאָרנישט ניט צו טאָן מיט דעם ס אָ צ י א ל י ז ם. די אַרבייטען, וואָס וועלען געמאַכט ווערען אויף קהל'שען חשבון, וועלען זיין ש ט א א ט ס־ק א פּ י ט א ל י ס ט י ש ע, אָבער ניט קיין סאָציאַליסטישע.

און דאָ וואַקסט אויס די פראַגע: פאַרוואָס זאָל די אידישע אַרבייטערשאַפט גלייך פון אָנהויב ניט אַרויסשטעלען די פאָדערונג פון א סאָציאַליסטישען שטאַאט אין ארץ־ישראל?

איינִיגע פון מיינע חברים אין דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון” גלויבען טאַקע, אַז דאָס דאַרף זיין די וויכטיגסטע פאָדערונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט בנוגע צו ארץ־ישראל.

ליידער, געה איך מיך, אין דעם פּונקט, שאַרף פאַנאַנדער מיט יענע חברים: נאָך מיין מיינונג נאָך, קאָן די אידישע אַרבייטערשאַפט אַזאַ פאָדערונג ניט אַרויסשטעלען, מחמת כמה טעמים:

ראשית, איז די אידישע אַרבייט ניט דער איינציגער פאַקטאָר, וואָס דאַרף בויען ארץ־ישראל. א חוץ איהם מוזען זיך באַטייליגען אין איהם די אידישע ו ו י ס ע נ ש א פ ט, דער אידישער קאַפּיטאַל און דער אַלוועלטליכער קאַפּיטאַל (אין דער פאָרמע פון הלוואות) און אויך די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע (אין דער פאָרמע פון דער גאַראַנטיע, וואָס זי וועט געבען די אידישע נאַציאָנאַלע הלוואות). די אידישע וויסענשאַפט וואָלט נאָך געקאָנט מאַכען יד־אחת מיט דער אידישער־אַרבייט, אָבער די איבעריגע פאַקטאָרען — דער אידישער און ניט אידישער קאַפּיטאַל, ווי אויך יענע רעגיערונגען, וואָס וועלען זיך באַטייליגען אין דעם פּראָטעקטאָראַט איבער'ן לאַנד — ליידען נאָך לעת־עתה פון געוויסע פאָראורטיילען געגען דעם סאָציאַליזם, און עס דאַרף נעהמען א וואָסער־עס־איז צייט, ביז מיר וועלען זיי איבערצייגען אין דעם אמת און אין דעם יושר פון דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג.

לויט מיין אויסרעכענונג, דאַרף דאָס געדויערען ביז נאָך דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, און אַזוי לאַנג קאָנען מיר דאָך באמת ניט וואַרטען מיט דעם אויפבוי פון דעם לאַנד!

א חוץ דעם האָבען די אַרבייטער (ניט נאָר די אידישע,

נאָר אויך די אַלוועלטליכע) זיך נאָך גאָר ניט צונויפגערעדט וועגען די פּראַקטישע פאָרמען, אין וועלכע דער סאָציאַליזם דאַרף פאַרווירקליכט ווערען. ו ו ע ל כ ע ן סאָציאַליזם זאָל מען בויען? דעם געמילדערטען קאָמוניזם פון קאַרל מאַרקס? דעם אַנאַרכיסטישען קאָמוניזם פון קראָפּאָטקין? די קאָאָפּעראַטיווע פאַלאַנסטעריעס פון אַ פוריע? די קליין־בירגערליכע, עהרליכע, אַרבייטאָרישע פריוואַט־ווירטשאַפט פון אַ פּרודאָן? אָדער אפשר גאָר דעם פסעוודאָ־סאָציאַליזם פון די רוסישע באָלשעוויקעס?

דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט קאַן פון גרויס וואוילטאָג, זיך איצטער פאַרגינען דעם לוקסוס, צו מאַכען סאָציאַליסטישע עקספּערימענטען. דאָס לאַנד איז רייך אין פּראָדוקציאָנס־כחות און אין פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און ווען דער באָלשעוויסטישער עקספּערימענט זאָל פּלאַצען, וועט די באַפעלקערונג גלייך קאָנען ווידער אויפבויען, וואָס דער באָלשעוויזם האָט חרוב געמאַכט.

אין ארץ־ישראל אָבער דאַרפען יענע כחות און מיטלען ערשט ארויסגערופען ווערען אין לעבען. אַ ניט־געלונגענער סאָציאַליסטישער עקספּערימענט וועט זיין אַ טויט־אורטייל פאַר דער קאָלאָניזאַציע.

אויך בין איך ניט קיין גרויסער חסיד פון דעם פּלאַן, אַז דער גאַנצער אַרבייטס־פּראָצעס פון דעם לאַנד זאָל לכתחילה אַוועקגעשטעלט ווערען אויף ק אָ אָ פּ ע ר אַ ט י ו ו ע יסודות. איך קאָן מיך דאָ ניט אַריינלאָזען אין אַ קריטיק פון דעם קאָאָפּעראַטיווען פּרינציפּ. איך וויל אָבער דאָ נאָר באַמערקען, אַז ניט אַלע פאָרמען פון קאָאָפּעראַציע זיינען ביז אַהער געוועזן אַן ערפאָלג. אויסגעהאַלטען און זיך ענטוויקעלט האָבען נאָר די פאָרמען, וואָס עקזיסטירען, ווי אינזלען אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט א ו ן ו ו אָ ס צ י ה ע ן ז י י ע ר ח י ו נ ה פ ו ן ד ע ר ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש ע ר ס ב י ב ה. זיי זיינען געבויט אָדער אויף דער קראַפט פון דעם אַרבייטער, וואָס באַקומט זיינע שכירות אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, אָדער אויף דעם פאַרקויף פון זיינע פּראָדוקטען אויף דעם קאַפּיטאַליסטישען מאַרק..

אזעלכע קאָאָפּעראַציעס, וואָס זאָלען זיך ארויסדרעהען פון

דער קאַפּיטאַליסטישער סביבה, האָבען דערווייל געהאַט אַן ער־פאָלג נאָר אין — פּראָפ. אָפּענהיימער׳ס ביכער און אין די פאַר־שיידענע פּראָיעקטען פון זיינע תלמידים.

אין לעבען, האָבען זיי, ווי צ. ב. אין „מרחביה", בשום אופן ניט אויסגעהאַלטען די פּראָבע, און אויב אין אַ פּאַרטיגען לאַנד קאָ־נען די אַלע פּראָבען געמאַכט ווערען אָהן געפעהרליכער ריזיקע, מוז מען אין אַ לאַנד, וואָס דאַרף ערשט געבויט ווערען, זיין באַזונדערס שפּאָרעוודיג און פאָרזיכטיג מיט אַזעלכע עקספּערימענטען.

ביי מיין גאַנצען האַס צו דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם, ביי מיין גאַנצער איבערגעבענהייט צו דעם סאָציאַליסטישען אי־דעאַל, קאָן איך ניט נעהמען אויף זיך די אחריות, צו רעקאָמענ־דירען דער אידישער אַרבייטערשאַפט, אַז זי זאָל אַרויסטרעטען מיט וועלכע עס איז סאָציאַליסטישע אָדער קאָאָפּעראַטיווע קאָ־לאָניזאַציאָנס־פּראָיעקטען.

מיר קאָנען זיך ניט העלפען. מיר מוזען אין איינעם מיט דעם קאַפּיטאַל בויען אַ מאָדערנעם שטאַאַט. און אַלץ, וואָס מיר קאָנען טאָן און זאָלען טאָן, איז צו זעהן, אַז די וויכטיגסטע עפענט־ליכע אַרבייטען פון צוגרייטען דאָס לאַנד, זאָלען ניט אַוועקגע־געבען ווערען אין פּריוואַט קאַפּיטאַליסטישע הענט, נאָר זאָלען געפיהרט ווערען אויפ׳ן קהל׳שען חשבון פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג; אַז אַלע צוגעגרייטע לענדערייען און אָפּגעפּעגענ־טע קוואַלען פון רייכטום זאָלען פאַרבלייבען אַלס דער קהל׳שער אייגענטום פון דעם ל אַ נ ד.

דאָס גאַנצע איבריגע פעלד פון עקאָנאָמישער טעטיגקייט מוז, לײדער, איבערגעלאָזען ווערען צו דעם פרייען שפּיעל פון דער אינדיווידועלער איניציאַטיווע, און דאָ מעג דער קאָאָפּעראַ־טיווער פּרינציפּ אַ מעסט טאָן זיינע כחות מיט דעם קאַפּיטאַליזם, אויף זיין אייגענער אחריות — העכסטענס מיט דער קרעדיט־היל‍ף פון דעם שטאַאַט, אונטער באַדינגונגען, וואָס זאָלען פאַר דעם שטאַאַט לחלוטין אויסשליסען יעדע ריזיקע.

אַלס אַרבייטער האָבען מיר דערווייל נאָר איין אויפגאַבע: פאַרטיידיגען און פאַרשטאַרקען אונזערע אַרבייטער־פּאָזיציעס אין

רעם עקאָנאָמישען, סאָציאַלען און פּאָליטישען לעבען פון דעם לאַנד.

מיר דאַרפען פאָדערען די ווייטגעהענדסטע סאָציאַלע און ארבייטער־געזעצגעבונג, א באַגרענצטען ארבייטס־טאָג (ניט מעהר ווי אַכט־שטונדען), א מינימום לוין, פאַרזיכערונגען אין פאַלען פון קראַנקהייט, טויט און ארבייטסלאָזיגקייט, א. ד. ג., א. ד. ג., די אַנערקענונג פון די יוניאָנס, א. א. וו.

און נאָך מעהר מוזען מיר פאָדערען — אַזעלכע פּאָליטישע באַדינגונגען, וואָס זאָלען אונז געבען די מעגליכקייט פאַנאַנדערצואוויקלען אונזער קלאַסען־קאַמף אַנטקעגען דער בורזשואַזיע פאַר א סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט — וואָס וועט אויסוואַקסען פון יענעם קלאַסען־קאַמף.

4

## די נייע דעמאָקראַטיע

מיר האָבען געזעהן, אַז מחמת געוויסע טעמים מוזען מיר זיך ליידער אָפּזאָגען צו פאָדערען די באַלדיגע פאַרווירקליכונג פון דעם סאָציאַליזם אין ארץ־ישראל. מחמת דיזעלביגע טעמים מוזען מיר אָבער אויך זיך אָפּזאָגען פון דעם חלום, אַז אין ארץ־ישראל קאָן איצטער איינגעפיהרט ווערען אין לעבען דער העכסטער אידעאַל פון פערזענליכער פרייהייט — דער אַנארכיזם.

גאַנץ זיכער — גלויב איך באמונה שלמה — וועט קומען ווען עס איז א צייט, ווען די מענשען וועלען שטעהן אויף אַזא הויך פון מאָראַלישער ענטוויקלונג, אַז יעדער איינער וועט האָבען דעם טיעפסטען רעספּעקט פאַר דעם ווילען פון יעדען אַנדערען, ווי קרום איהם זאָל זיך ניט אויסדוכטען דעם אַנדערענס ציעלען און שטרעבונגען.

ערשט דעמאָלט וועט מען קאָנען אין ערנסט רעדען וועגען

י ע ד ע ן  א י י נ ע מ ס  רעכט אויף זיין אייגענעם אידעאל, אויף א לעבען לויט איינעמ׳ס אייגענע איבערצייגונגען, און ערשט דעמאלט וועט מען זיך אויפהערען צו נויטיגען אין „געזועצען" און אין שטראפען פאר אריבערטרעטען די געזועצען.

דאס קאן אבער מקוים ווערן ניט פריהער, איידער די מענשליכע געזעלשאפט וועט איינארדנען די סאציאלע באדינגונגען פון איהר לעבען: ניט פריהער, איידער דער סאציאליזם וועט באפרייען יעדען איינעם פון דער טאג־טעגליכער דאגת חיונה. אין דעם זין האלט איך מיט אלע די, וואס גלויבען, אז אפריהער סאציאליזם און דערנאך פרייהייט, אז די אבסאלוטע פערזענליכע פרייהייט קאן ערשט דערגרייכט ווערען דורך דער אבסאלוטער סאציאלער גערעכטיגקייט.

פון דער אנדער זייט אבער האלט איך, אז די סאציאלע גערעכטיגקייט קאן ניט דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען און קאן זיך ניט האלטען אין איהם קיין לענגערע צייט, אויב זי איז ניט געגרינדעט אויף  פ א ל י ט י ש ע ר  פרייהייט, אויף דעם קלאהר אויסגעשפראכענעם ווילען לפחות פון דער מאיאריטעט.

דער חשבון איז דא א פשוט׳ער. אין אונזער אפיקורסישער צייט קאן מען ניט געוועלטיגען איבער דער מאיאריטעט געגען איהר אייגענעם ווילען. די איינציגע מאכט, וואס קאן זי אויף א ווייle האלטען אין צוים, זיינען די שווערדען און די שפיזען פון דער הערשענדער מאכט. אויף שפיזען קאן אבער קיינער ניט זיצען. און וועניגער פאר אלעמען — דער סאציאליזם.

דער איינציגער וועג  צ ו  דעם סאציאליזם איז די העכסט־מעגליכע פאליטישע פרייהייט, און אט די העכסט־מעגליכע פא־ליטישע פרייהייט קאן אין דער  א י צ ט י ג ע ר  געזעלשאפט, לויט די איצטיגע עקאנאמישע באדינגונגען און דעם איצטיגען צושטאנד פון דער מאראל, באשטעהן נאר אין דעם אידעאל און אין די פאדערונגען פון דער דעמאקראטיע.

דער סאציאליזם וועט אויך אין ארץ־ישראל קאנען איינגע־פיהרט ווערען אין לעבען ניט אנדערש, סיידען דורך דעם ווילען פון דער מאיאריטעט, ד. ה. דורך די פארמען פון דער דעמאקראטיע,

וואָס וועט קאַווירען דעם אַרבייטער־קלאַס די מעגליכקייט צו געווינען פאַר זייער אידעאַל דעם ווילען פון פאָלק.

איך וויל דערמיט בשום אופן ניט זאָגען, אַז מיר מוזען קוקען אויף דער פּאָליטישער פרייהייט נאָר ווי אויף אַ מיטעל צו דער סאָציאַלער גערעכטיגקייט. *די פּערזענליכע פרייהייט איז אַ צוועק אין זיך גופא*, און אויב מיר קאָנען זי ניט דערגרייכען אין איהר גאַנצער מאָס, מוז מען געווינען אַזוי פיעל פון איהר, וויפיעל עס איז נאָר מעגליך אַרויסצושלאָגען פון אַ מאָדערנעם דעמאָקראַטישען שטאַאַט. די אידישע סאָציאַליסטישע ארבייטערשאַפט מוז דעריבער זיין פּאַראינטערעסירט, אַז דאָס נייע אידישע לאַנד זאָל געבויט ווערען אויף די יסודות פון דער וויטגעהענדסטער דעמאָקראַטיע און פערזענליכער פרייהייט.

אין דעם פּרט קאָן אָבער אין דעם לאַנד ווירקליך אויפגעטאָן ווערען זעהר פיעל. נייע פּאָליטישע פאָרמען קאָנען אַ סך גרינגער אַריינגעפיהרט ווערען אין לעבען, איידער נייע סאָציאַלע פאָרמען, בפרט ווען דאָס לאַנד ווערט געבויט פון דער ניי, און מען שטויסט זיך נאָך ערגעץ ניט אָן אָן אַלטע, פאַרגליווערטע, פּאָליטישע יסודות.

די אידישע אַרבייטערשאַפט, אין איינעם מיט אַלע פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע שיכטען פון'ם אידישען פאָלק וועלען מוזען זעהן, אַז אין דעם בוי פון דער אידישער דעמאָקראַטיע זאָלען אַריינגעטראָגען ווערען יענע אויסבעסערונגען, וועלכע די טעאָריע און די פּראַקטיקע פון דעם פּאָליטישען געדאַנק האָבען אַריינגעטראָגען אין דער דעמאָקראַטיע פון דעם נייצעהנטען יאָהרהונדערט און וועלכע איך וויל דאָ אָנרופען מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען: *די נייע* דעמאָקראַטיע, אָדער די דעמאָקראַטיע פון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט.

די אַלטע דעמאָקראַטיע איז געווען געבויט אויף דעם ריין *פּאַרלאַמענטאַרישען* רעזשים, אויף דאָס רעכט פון דעם פאָלק אויסצוקלייבען זיינע „געזעצגעבער“. זיין רעכט אויסצוקלייבען אויך זיינע רעגיערער און פאַרוואַלטער — די אייגענטליכע רעגיערונג מיט איהר הויפּט און מיט איהרע מיניסטאָ־

רען — איז געווען באַשרענקט. די נייע דעמאָקראַטיע מוז פאָדערען די דירעקטע פאָלקס־וואהל פון אַלע וויכטיגסטע רעגיערונג־און־פאַרוואַלטונגס־בעאַמטע.

די אַלטע דעמאָקראַטיע האָט ניט צוגעלאָזען דאָס פאָלק, זיך דירעקט צו באַטייליגען אין דער געזעצגעבונג און צו האָבען אַ קאָנטראָל איבער דער אַרבייט פון די געזעצגעבער. איינמאָל אויס־געוועהלט פון פאָלק, מעג דער געזעצגעבער טאָן וואָס ער וויל, און אויב דו ביזט מיט איהם ניט צופריעדען, ווערסטו איהם אַן אַנדעריש מאָל ניט אויסוועהלען. די נייע דעמאָקראַטיע האָט יעצט פאָרמולירט איהר פּרינציפּ פון „דירעקטע געזעצגעבונג דורכ'ן פאָלק" און פון דעם קאָנטראָל־רעכט איבער דער טעטיגקייט פון די געזעצגעבער. דערווייל קאָנען די פּרינציפּען פאַרווירקליכט ווערען נאָר דורך דער איינפיהרונג פון „רעפערענדום", „איני־ציאַטיווע" און „ריקאָל".

די אַלטע דעמאָקראַטיע האָט ניט צוגעלאָזען דאָס פאָלק, זיך ציפּ פון דער מאַיאָריטעט. איין־און־פופציג פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָבען „על־פּי־יושר" און על־פּי־רעכט געקאָנט אויסקלייבען אַלע הונדערט פּראָצענט געזעצגעבער פון דעם לאַנד און פאַרגוואַלטיגען דעם ווילען פון די איבעריגע ניין־און־פערציג פּראָצענט. די נייע דעמאָקראַטיע איז פאַראינ־טערעסירט אין די רעכטען פון דער מינאָריטעט, אין דעם באַשטרעבען, אַז יעדע גרופּע פון בירגער אין דעם לאַנד זאָל קאָנען קומען צום וואָרט און צו איהר ענטשפּרעכענדער מאַכט. פּראָפּאָרציאָנעלע וואַהלען, ווי זיי זיינען איינגע־פיהרט געוואָרען, צ. ב., אין שווייצאַריע, העלפען דורכפיהרען דעם פּרינציפּ אין לעבען.

לויט דעם „פּראָפּאָריז", ווי מען רופט דאָס אין שווייצאַריע, קאָן אַ מאַיאָריטעט פון איין־און־פופציג פּראָצענט אויסקלייבען ניט מעהר ווי איין־און־פופציג פּראָצענט פון די געזעצגעבער. די איבעריגע ניין־און־פערציג פּראָצענט ווערען אויסגעקליבען פון די מינאָריטעטען פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער צאָהל.

די אַלטע דעמאָקראַטיע איז תמיד געווען נוטה צו צענ־טראַליזאַציע, וואו די צענטראַלע רעגיערונג נעהמט איבער

אויף זיך אַלע עפּענטליכע פּאָליטישע אויפגאַבען און זוכט זיי צו פאַרענטפערען אויף איין שאַבלאָן פאַר דער גאַנצער באַפעל־קערונג. די נייע דעמאָקראַטיע איז מעהר פעדעראַליסטיש און וויל אויפגעבויט ווערען אויף דעם יסוד פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג, קודם־כל, אויף דעם רעכט פון יעדער אָרטשאַפט איבערצונעהמען געוויסע פונקציעס פון דעם שטאַאט און איינצואָרדנען איהר לעבען אַזוי, ווי איהר פּאַסט אַם בעסטען, אויב זי שאַדעט דערמיט ניט די אַלגעמיינע גאַנצקייט און אָפּהענגיגקייט פון דעם שטאַאט.

אָבער די וויכטיגסטע נייס, וואָס די דעמאָקראַטיע פון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט האָט אריינגעטראָגען אין דעם פּרט פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג, באַשטעהט אין דער באַשאַפונג פון דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, ווי זי איז איצטער איינגעפיהרט געוואָרען אין רוסלאַנד, אַ דאַנק דער רעוואָלוציע.

אויב די לאָקאַלע אויטאָנאָמיע גיט איבער דאָס רעכט פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג צו די איינוואוינער פון אַ באַשטימטער אָרטשאַפט, ווערט די פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע געגעבען צו די מיטגליעדער פון אַ באַשטימטער נאַציאָנאַלער גרופּע, ווי צוזעעט און צושפּרייט זיי זאָלען ניט זיין איבער'ן לאַנד.

אויך זיי באַקומען געוויסע רעכט איבערצונעהמען געוויסע פונקציעס פון דעם שטאַאט'ס לעבען אויף זיך, אויספיהרען זיי, לויט די אייגענע לעבענס־נויטען, אָבער אין דעם נאָמען פון דעם שטאַאט, אינטער דעם שטאַאט'ס קאָנטראָל, מיט דער הילף פון דעם שטאַאט און אָפטמאָל אויך אויף זיין חשבון, גאַנץ אָדער טיילווייז.

די נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע זעלבסט־פאַרוואַלטונג איז דער גלאַנץ־פונקט פון דער נייער דעמאָקראַטיע, און זיין וויכטיגקייט באַשטעהט דער עיקר אין דעם, וואָס דורך איהר ווערט פאַרענט־פערט דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם אויף וויפיעל ער קאָן פאַרענטפערט ווער'ען פאַר אַ סך פעלקער־און־שפּראַך־גרופּען, וואָס וואוינען אין די גרעניצען פון איין־און־דעמזעלבען שטאַאט.

איך מוז מיך דעריבער נאָך אַביסעל אָפּשטעלען אויף איהם:

די אַלטע דעמאָקראַטיע האָט געלעבט לויט דעם כלל: וועמעס מאַיאָריטעט, יענעמס רעגיערונג און וועמעס רעגיערונג — יענעמס שפּראַך און קולטור. די שפּראַכען און קולטורען פון די מעוט'ען האָבען ניט געהאַט קיין רעכט אויף אייגענער עקזיס־טעניץ און ענטוויקלונג. ריכטיגער געזאָגט: דער שטאַאַט האָט ניט באַטראַכט פאַר זיין חוב צו זאָרגען פאַר דעם קיום פון די מינאָריטעטע [אויף דער וועלט און פאַר די באדינגונגען פון זייער פרייער ענטוויקלונג. אדרבה! ער האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, כדי זיי זאָלען וואָס גיכער פאַרשווינדען, וואָס גיכער זיך צונויפגיסען — שפּראַכליך און קולטורעל — מיט דער מאַיאָ־ריטעט.

די נייע דעמאָקראַטיע, וואָס האָט אָנגעוואָרען איהר צענט־ראַליסטישען יצר־הרע, וואָס האָט זיך אויפגעהערט צו בוקען פאַר דעם אָפּגאָט־„מאַיאָריטעט", פּראָקלאַמירט לכתחילה, אַז זי איז פאַראינטערעסירט אין דער עקזיסטעניץ און ענטוויקלונג פון די קלענערע נאַציאָנאַלע גרופּען און שפּראַכען, אויף וויפיעל זיי אַליין זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם; אַז זי איז אָנגעגרייט צו העלפען זיי אַלעמען אין אַ גלייכער מאָס, כדי קיינע פון זיי זאָל ניט האָבען קיין ברעקעל איבערוואָג אין דעם שטאַאַט איבער קיין אַנדערער; כדי יעדע פון זיי זאָל זיך פיהלען פ ר י י אין לאַנד און צוגעבונדען אין דאַנקבארער טרייקייט צו זיינע אינסטיטוציעס און געזעצען.

עס איז ניט איצטער די צייט צו רעדען וועגען די איינ־צעלנע פּרטים פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, דעם יסוד פון דער נאַציאָנאַלער גלייכבארעכטיגונג.

דאָ איז פאַר אונז וויכטיג נאָר אויפצושטעלען דעם פּרינציפּ, פאַר וועלכע די אידישע אַרבייטערשאַפט דאַרף זיך איינשטעלען אומעטום, וואו זי לעבט און קעמפט. מיט אַ דאָפּעלטער ענערגיע דאַרף זי קעמפען פאַר איהם אין דעם אויפבוי פון דעם אידישען לאַנד, ווייל גראָד ארץ־ישראל וועט זיך נויטיגען אין איהם אויפ'ן שאַרפסטען אופן.

אונזער לאַנד איז שוין אַמאָל געווען אַ „קנויל פון פעלקער";

זי האָט שוין איצטער אין זיך פאַרשיידענאַרטיגע עטנישע, שפּראַכ־ליכע און רעליגיעזע גרופּען, און אין דער צוקונפט קאָנען מיר ערוואַרטען נאָך אַ גרעסערע פיעל־פאַרביגקייט און פיעל־געשטאַל־טיגקייט פון דער באַפעלקערונג.

דאָ וועט נאָך גרעסער זיין דער יצר־הרע פון דער אַלטער פאַרוואַלטונגס־טעאָריע, וואָס זוכט די איינהייט אין דער איינ־פאַכקייט, אין דער צענטראַליזאַציע און אין דעם הערשענדען שאַבלאָן; אין דער קאַזאַרמען־אַרטיגער באַשטרעבונג צו מאַכען, אַז „אַלע יונים זאָלען האָבען איין פנים", אַ באַשטרעבונג, וואָס שטאַמט אָפּ היסטאָריש פון דער מיליטאַריסטישער צייט. דער־ריבער איז דאָ נאָך נויטיגער צו קעמפען פאַר דעם נייעם געדאַנק. אין אונזער נייעם לאַנד דאַרף בליהען דער נ י י ע ר שטאַאַטס־געדאַנק פון האַרמאָניע אין דער פאַרשיידענקייט, רעספּעקט צו יעדען'ס לעבען און יעדען'ס ווילען, פון „שבת־אחים", פון ברי־דערליכער סאָלידאַריטעט צווישען שאַרף־אויסגעבילדעטע אינדי־ווידואַליטעטען.

* * *

ציהען מיר דעם סך הכל פון אַלין, וואָס מיר האָבען געזאָגט וועגען אונזער ענין, באַקומען מיר דעם רעזולטאַט:

די אידישע אַרבייטערשאַפט דאַרף זיך מיט דער גאַנצער ענערגיע אַריינוואַרפען אין דער אַרבייט פאַר ארץ־ישראל, כדי אין איהר דורכצופיהרען א י ה ר ווילען און איהרע פאָדערונגען, וואָס לאָזען זיך סומירען אין די פאָלגענדע אַ ל ג ע מ י י נ ע פּ ר י נ צ י פּ ע ן:

1. אַ זעלבסשטענדיגע נייטראַלע רעפּובליק.
2. אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּראָטעקטאַראַט.
3. אַן אַלוועלטליכער אידישער קאָנגרעס, וואָס זאָל איבער־נעהמען דעם אויפבוי פון דעם לאַנד.
4. קאָלאָניזאַציע פון די ניט־באַזעצטע לענדערייען אויף דעם גרעסט־מעגליכען מאַסשטאַב.
5. נאַציאָנאַליזירונג פון דעם גרונד און באָדען; די פּראָג־רעסיווסטע, סאָציאַלע־און אַרבייטער־געזעצגעבונג.

6. פּערזענליכע פרייהייט און דעמאָקראַטיע אויף די יסודות פון לאָקאַלער און פּערסאָנאַלער זעלבסט־פּאַרוואַלטונג.

נאָר אין דעם קאַמף פאַר אָט די אַלגעמיינע פּרינציפּען וועט די אידישע אַרבייטערשאַפט בלייבען טריי סיי צו איהר כאַראַקטער, ווי אַ קינד פון דעם אידישען פאָלק, סיי צו איהרע פליכטען, ווי אַ טייל פון דעם אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט.

# טענות אנטגעגען ארץ־ישראל

## 1

## טענות שבכתב און טענות שבעל פה.

דעם ווינטער האָט מיך די אידיש־סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי פּועלי־ציון, פון וועלכער איך בין אַ מיטגליעד, אַרויסגעשיקט איבער'ן לאַנד, צו אַגיטירען צווישען די אידישע אַרבייטער פאַר דער באַטייליגונג אין דעם „ארץ־ישראל אַרבייטער־קאָנגרעס".

אָט די אַגיטאַציע מיינע איבער'ן לאַנד האָט מיך ווידער גע־בראַכט אין אַ נאָהענטען באַריהר מיט דער אידישער אַרבייטער־שאַפט, און עס איז מיר זעהר אָפט אויסגעקומען צו פיהרען דיס־קוסיעס מיט אידישע אַרבייטער וועגען דעם גאַנצען ענין.

דאָס רוב פון די דיסקוסיעס פלעגען פאָרקומען עפענטליך: אָדער אויף לעקציעס, וואָס איך האָב געהאַלטען, אָדער אויף קאָנ־פערענצען פון אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס פלעגען צונויפגע־רופען ווערען עקסטרא צוליעב דעם צוועק — דורכצושמועסען זיך אויף דער טעמאַ: „ארץ־ישראל און די אידישע אַרבייטערשאַפט" און כדי קלאָהר צו מאַכען, פאַר וואָס מען מוז זיך באַטייליגען אין יענעם קאָנגרעס.

אָבער אויך פּריוואַט פלעגט מיר אויסקומען צו פיהרען ויכוחים מיט די, מיר פערזענליך באַקאַנטע, אינטעליגענטע אי־דישע אַרבייטער — דאָס רוב, גוטע, איבערגעגעבענע טוערס אין

דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — אַליין טאַקי וועגען דיזעלביגע אָנגעוועהטאָגטע ארץ־ישראל־פראַגען.

אַ חוץ דעם האָב איך, פאַרשטעהט זיך, אויך געלעזען אַ סך פון דעם, וואָס די אידישע סאָציאַליסטישע פרעסע האָט אין דער לעצטער צייט אַרויסגעבראַכט אַנטקעגען דעם ציוניזם בכלל און די פועלי ציוניסטען בפרט. אמת, איך האָב אַליין ניט גע־קאָנט לייענען: טיילס, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין צייט דערצו, טיילס, ווייל עס איז מיר געווען אוממעגליך אין וועג צו פאַרשאַפען דעם נויטיגען מאַטעריאַל.

ניט קוקענדיג דערויף, וואָס איך האָב ניט געקאָנט באַקאַנט ווערען מיט אַ ל ץ, וואָס איז אין דער לעצטער צייט געשריבען געוואָרען וועגען דעם ענין, רעכען איך פון דעסטוועגען, אַז איך האָב אַ מעהר אָדער ווייניגער פולען איבערבליק איבער די אָפּטעס־טע און וויכטיגסטע טענות, וואָס ווערען אַרויסגעשטעלט אַנט־קעגען דער באַטייליגונג פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט אין הבנין בויפבוי פון דעם אידישען לאַנד.

און האָבענדיג דעם דאָזיגען איבערבליק, מוז איך גלייך מאַ־כען די באַמערקונג, אַז עס הערשט אַ גרויסער חלוק צווישען די „טענות שבכתב", וועלכע די פרעסע שטעלט אַרויס אין דעם נ אָ מ ע ן פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט, און די „טענות שבעל פה", וועלכע די לעבעדיגע אידישע אַרבייטער — סיי די אינטעליגענטע, סיי די „מאַסאָווע" — ברענגען אַרויס.

דער חלוק איז ניט אַזוי אין דעם א י נ ה א ל ט פון די טענות, ווי אין דעם טאָן און דעם כאַראַקטער, וועלכען זיי טראָגען.

אין די „טענות שבכתב" ווערען די פראַגען באַהאַנ־עלט פּ אָ ל ע מ י ש, קריעגעריש, פיינדליך. זיי ווערען אַוועקגע־שטעלט ווי „קלאָץ־קשיות", ווי קשיות, וואָס ביי זיי איז דער פרעגער לכתחילה זיכער, אַז דער געפרעגטער מוז בלייבען שטום, „ווי אַ קלאָץ". זיי זיינען באַשולדיגונגס־אַקטען, אויף'ן גרונד פון וועלכע עס ווערט אַרויסגעטראָגען, אויב ניט קיין „חייב מיתה" איז לפּחות אַ „חייב מלקות" פאַר דעם געגנער.

די „טענות שבעל פה" טראָגען אין זייער גרעסטען רוב אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. זיי ווערען ניט געשטעלט פּאָלעמיש,

נאָר דיסקוסיאָנער. זיי זיינען ניט קיין קשיות, נאָר שאלות, — שאלות, וואָס וואַרטען אויף אַ באַגרינדעטען ענטפער, כדי פּטור צו ווערען פון דער טענה. בשום אופן ווערען זיי ניט געשטעלט קריעגעריש און פיינדליך, נאָר אדרבה מיט דעם גרעסטען אינ־טערעס, אַז זיי זאָלען פאַרענטפערט ווערען א י ן ד ע ם ז י ן פ ו ן ד ע ם „ג ע ג נ ע ר".

ס'איז ניכר, אַז די פראַגען ו ו ע ה ט י ג ע ן דעם פראַגע־שטעלער, אַז ער באַציהט זיך צו זיי מיט דעם גאַנצען טיעפען ערנסט, וועלכען זיי פאַרדיענען.

עס פלעגט אויך טרעפען, אַז פון דער פאַרזאַמלונג פלעגט זיך אין דער דיסקוסיע אויפהויבען אַ געגנאָסע און פלעגט איינלייטען זיינע פראַגען מיט אַן ערך אַזאַ באַמערקונג:

„אַזוי פיעל און אַזוי פיעל יאהר בין איך דאָ געשטאַנען אין קאמף פאַר די אידעאַלען פון סאָציאַליזם און דער אַרבייטער באַ־וועגונג. איך בין נאָך עד־היום צוגעבונדען צו זיי מיט מיין גאַנצען האַרצען, אָבער די לעצטע פּאַסירונגען פון דער וועלט האָבען אין גאַנצען צורודערט מיין נשמה. דער וועלט־קריעג, די ליידען פונ'ם אידישען פאָלק, די שטענדיגע רייד וועגען אַן אייגענע היים אין ארץ־ישראל, האָבען אויפגעהויבען אַ מאַסע נייע פראַ־גען, פון וועלכע מיר, סאָציאַליסטען, האָבען גאָר ניט געחלום'ט. עס איז ביי אַ סך פון אונז דערוועקט געוואָרען דער באַוואוסטזיין, אַז מיר זיינען קינדער פון דעם אידישען פאָלק, און אַז ער האָט אַ רעכט צו פאָדערען פון אונז, מיר זאָלען איהם העלפען אין זיין נויט. מיט'ן גאַנצען האַרצען סימפּאַטיזיר איך מיט דעם געדאַנק פון אַן אייגענער היים אין ארץ־ישראל. אָבער ווי קאָנען מיר צושטעהן צו אַזאַ פּלאַן? איך בעט דעם „לעקטשורער", ער זאָל מיר ערקלעהרען, ווי אַזוי דענקט ער צו פאַרענטפערען אָט די און די שאלות."

און עס הויבען זיך אָן זיינע טענות, אָפטמאָל דיזעלביגע, וואָס די פּרעסע האָט אַרויסגעשטעלט, ניט זעלטען אָבער אויך א י י ג ע נ ע, פּראָדוקטען פון דעם אינוועניגסטען קאָנפליקט, וואָס איז אויסגעוואַקסען צווישען די איינגעוועהנטע „אני־מאמין'ס" און דעם נייעם אידישען געפיהל.

די פראַגע־שטעלונג פלעגט זיך אַמאָל אויך ענדיגען מיט דעם געוויס קוראַזשירטען באַשלוס: „אויב איך געפין אַן ענטפער אויף די שאלות, קויף איך מאָרגען אַ שקל”.

און אַז דאָס איז ניט געזאָגט געוואָרען בתורת וויץ (אַמאָל וואָלט דאָס געקלונגען ווי אַ פיינער שפּאַס), האָט מען געקאָנט שפּירען פון דער ערנסטקייט, מיט וועלכער אַזעלכע פאַרזיכערונגען פלעגען ווערען אַרויסגעזאָגט, און עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז אַ סך געגנאָסען האָבען, ניט אויפגעבענדיג זייער צוגעהע־ריגקייט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין דער לעצטער צייט געקויפט שקלים.

איך וויל דערמיט ניט זאָגען, אַז נאָר אין די „טענות שבעל פה”, וואָס די אידישע אַרבייטער שטעלען אַרויס אַנטגעגען ארץ־ישראל, הערט זיך אָט די איגוועניגסטע אומרוה און פאַרלאָרענ־קייט — די זוכעניש, ווי אַזוי אין גאַנצען אומצוקעהרען זיך צו דעם אידישען פאָלק און דערביי אין גאַנצען בלייבען אַ סאָציאַליסט — און אַז די „טענות שבכתב” דריקען אַליין נאָך אויס די פריהערדיגע זיכערקייט און דעם פריהערדיגען פעס־טען גלויבען אין די אַלטע פּאָזיציעס.

ניין, אויך אין די לעצטערע הערט זיך צו אָפּט די אינ־וועניגסטע אומרוה און פאַרלאָרענקייט, ביי פאַרשיידענע מחברים און פיהרער אין פאַרשיידענע גראַדען און שאַטירונגען.

די נפקא מינה איז נאָר, וואָס ביי דער אַרבייטערשאַפט טרעט די אומרוה אַרויס אָפען, מיט קיין זאַך ניט פאַרשריען און פאַרדעקט. און זי טרעט אַרויס מיט דעם הייסעסטען וואונש, צו געפינען אַן אויסוועג, מיט דעם פעסטסטען באַשלוס אַרויפצו־טרעטען אויף דעם ציוניסטישען וועג, אויב ער, דער וועג, קאָן זיך פאַרענטפערען פאַר׳ן שכל און פאַר׳ן סאָציאַליסטישען יושר. בעת ביי די אָפיציעלע געגענער פון ארץ־ישראל ווערט די אינ־וועניגסטע אויפגערודערטקייט פון דעם געמיט קינסטליך אונ־טערדריקט, פאַרשריען און פאַרליאַרעמט דורך די אַלטע לאָזונגען, פאַרטויבט דורך נייע פּיסט׳לעך און פון פינגער אויסגעזויגענע אַרגומענטען, אָפטמאָל פאַרוויצעלט, כדי פאַר זיך אַליין צו פאַר־טרייבען דעם ערנסט פון דער זאַך. און דער צוועק פון די טענות

איז ניט: ערנסט צו באַטראַכטען אַלע פּראָ׳ס און קאָנטראַס אין דער פראַגע, כדי אַרויסצובריינגען דעם ריכטיגען סך הכל. די איינוועניגסטע טענדענץ זייערע איז: ניט אויפצוגעבען יענע פריהערדיגע פּאָזיציע פון דעם אידישען סאָציאַליזם, וואָס האָט באַטראַכט דעם ציוניסטישען אידעאַל, ווי אַ פרעמדע, פיינדליכע מאַכט, וועלכע מוז אויף לעבען און טויט באַקעמפט ווערען פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטערשאַפט.

איך מוז צוגעבען, אַז אָט די פּאָזיציע איז אַמאָל געוועזען דורכאויס באַרעכטיג. אין אַ צייט, ווען דער ציוניזם איז אַרויס מיט דער פּרעטענזיע אָוועקצושטעלען זיך אַ נ ש ט א ָ ט דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג, א נ ש ט א ָ ט איהר רעוואָלו־ציאָנערען און סאָציאַליסטישען קאַמף, ווען די שאַנסען אויף זיין פאַרווירקליכונג אין לעבען זיינען געווען דורכאויס מיני־מאַלע — אויב ס׳זיינען איבערהויפּט געווען וועלכע ס׳איז שאַנ־סען — האָט דער אידישער סאָציאַליסט ניט נאָר געהאַט אַ רעכט צו פאַרלייקענען דעם ציוניזם, נאָר אַ ביטערע, העפטיגער קאַמף אַנטגעגען איהם איז געווען אונפאַרמיידליך.

יענע צייטען אָבער האָבען זיך שוין לאַנג איבערגעביטען. עס האָבען זיך באַוויזען אידישע סאָציאַליסטישע אַרבייטער, וואָס האָבען פאַרבונדען דעם ציוניסטישען אידעאַל אין איינעם מיט דעם סאָציאַליסטישען קאַמף; אפילו די אַלגעמיינע ציוניס־טען האָבען, ווי ציוניסטען, שוין לאַנג אויפגעגעבען זייער קאַמף אַנטגעגען דער רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער טעטיגקייט פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט, און די ש א נ ס ע ן פון דעם ציוניסטישען ענד־ציעל זיינען אין דער לעצטער צייט אויס־געוואַקסען אין קאָלאָסאַלע מאַסען.

די אידישע אַרבייטערשאַפט פ י ה ל ט אָט די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט דעם ציוניזם — און איהר שטעלונג איז דעריבער געוואָרען אַ גאַנץ אַנדערע. זי קאָן שוין מעהר ניט באַטראַכטען דעם ציוניזם, ווי אַ פרעמדע, פיינדליכע מאַכט, מיט וועלכער עס מוז געקעמפט ווערען אונטער אַלע אומ־שטענדען. אַ היבשער טייל פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט שליעסט זיך אָן, אָן דעם ארץ־ישראל געדאַנק. נאָך אַ גרעסערער

טייל שטעהט נאָך דערוויילע אין דרויסען. אָבער אויך פאַר איהם איז דער ציוניזם געוואָרען אוים פרעמדע, פיינדליכע מאַכט; ער איז געוואָרען אַן אינוועניגסטער פראָבלעם, וואָס פאָדערט באַפּעהלערייש זיין ריכטיגע פארענטפערונג.

פאַר דעם, וואָס האָט זיך גוט צוגעהערט צו דעם פולס, וואָס שלאָגט איצטער אין די אָדערן פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט, קאָן קיין ברעקעל ספק ניט זיין, אַז ער, דער אַרבייטער־קלאַס, איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם ציוניזם; אַז איהם ווילט זיך גָעהר, דער ציוניזם זאָל אַרייגגעבראַכט ווערען אין האַרמאָניע מיט די פאָדערונגען פון'ם סאָציאַליזם, בדי אויך די אידישע אַרבייטערשאַפט, וואָס וויל בלייבען טריי דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל און וועט בלייבען טריי דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל, זאָל קאָנען אויפ־נעהמען די אַרבייט פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל ניט נאָר צוליעב די נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק, נאָר אויך אין דער ערשטער ליניע צוליעב איהרע קלאַסען־אינטערעסען און צוליעב די אינטערעסען פון דעם אַלוועלטליכען, אַלגעמיין־מענשליכען פּראָגרעס, וואָס איז פאַר איהר פאַרבונדען מיט דעם אידעאַל פון סאָציאַליזם.

כמעט פון אַלע איהרע טענות־שאלות קלינגט דעריבער אַרויס די גרונד־פראַגע: ווי קאָן די ציוניסטישע טעטיגקייט צונויפ־שטימען מיט די פאָדערונגען פון דעם אַלוועלטליכען פּראָגרעס און דעם סאָציאַליזם?

איך ווייס, אַז אַ סך פון די באַלעבאַטישע ציוניסטען וועלען פשוט קוועטשען מיט די אַקסלען אויף אַזאַ שטעלונג פון דעם אַרבייטער־קלאַס און זעהן דערינען אַ סימן פון זיין פּאָליטי־שער „אונענטוויקעלטקייט" און „נאַאיוויטעט": האָבען די דייטשע אַרבייטער אין דעם איצטיגען קריעג געפרעגט, צי זייער שטעלונג צו דעם דייטשען נאַציאָנאַליזם שטימט צונויף מיט די פאָדערונגען פון דעם אַלוועלטליכען פּראָגרעס און פון דעם סאָציאַליזם?

איך וואָלט אָבער געוואָלט, אַז אונזער אַרבייטערשאַפט זאָל אין דעם פּרט אייביג בלייבען ביי אַזאַ פּאָליטישער „אונ־

ענטוויקעלטקייט" און „נאַאיוויטעט". איך וואָלט געוואָלט, זי זאָל *אייביג* האַלטען איהרע נאַציאָנאַלע אינטערעסען אונטער דערשאַרפער קאָנטראָלע פון דעם סאָציאַליסטישען פראָגרעסיווען געדאַנק, און זי זאָל בזכות זה קיינמאָל ניט קאָנען אוועקגעשטעלט ווערען אין איין ליניע מיט דער „פראַקטישער" דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — איך מיין, פאַרשטעהט זיך, אין דעם פרט פון פאַרלייקענען איהרע התחיבות'ען צו די פאָדערונגען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם.

פון דער אַנדער זייט אָבער האָבען מיר אַ רעכט צו האָפען און צו פאָדערען, אז אויך די אידיישע אַרבייטערשאַפט וועט זיך נעהמען באַציהען צו די לעבענס־פראָבלעמען פון איהר פאָלק אויף דעמזעלביגען אופן, ווי דאָס טוען — און זאָלען טאָן — אַלע אַרבייטער־קלאַסען פון דער גאַנצער וועלט: ד. ה. ווערען דער *אַוואַנגאַרד* פון דעם פאָלק, אין אַלע זיינע באַפרייאונגס־שטרעבונגען און קעמפען, וואָס פיהרען אין לעצטער ליניע צו דער פאַרווירקליכונג פון דעם סאָציאַליזם און דעם פראָגרעס.

אין דער פאַרענטפערונג פון די פאַרשיידענע טענות אַנטגעגען ארץ־ישראל, האָב איך מיך, דעריבער, קודם־כל געמיהט, ארויסצואַרבייטען אַזוי קלאָהר, ווי מעגליך, דעם *סאָציאַליסטישען* שטאַנדפונקט פון דער פראַגע און די אינטערעסען פון דער *סאָציאַליסטישער* ענטוויקלונג פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט און דעם אידישען פאָלק.

---

.2

# די אַראַבישע פראַגע

הערט מען זיך צו אויפמערקזאַם צו די טענות שבכתב און די טענות שבעל פּה אַנטגעגען דער באטייליגונג פון די אידישע אַרבייטער אין דעם אויפבוי פון אַ אידישען לאַנד אין ארץ־ישראל, מוז מען קומען צו דעם שלוס, אַז איינער פון די ווי כטיג־סטע טעמים, וואָס פאַרוועהרען זיי צו־צושטעהן צו דעם ציוניסטישען אידעאַל, איז די אַראַבישע פראַגע.

„די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג... קאָן ניט אַפּעלירען צו די אידישע אַרבייטער־מאַסען", שרייבט דער „פאָרווערטס" אין זיין לייט־אַרטיקעל פון דעם 13טען מאַרט. „די אידעע צו גרינדען אַ אידישע מלוכה אין אַ לאַנד, וואָס איז באַזעצט פון אַן אנדער פאָלק, פון אַראַבער, קאָן ניט אַפּעלירען צו די אידעאַלען פון דעם אַרבייטער־קלאַס. אויב די אידעע זאָל על פּי נס אין וועלכער עס איז מאָס פאַרווירקליכט ווערען, קאָן ער אין איהר זעהן בלויז אַ צוקונפטיגען אונאויפהערליכען קאַמף פון אַ קליינער מינאָרי־טעט געגען אַ גרויסער אַראַבישער מאַיאָריטעט, וועלכע קאָן בלויז דורך די הילף פון אַ זייטיגער מאכט באַזיעגט ווערען. און אויב עס זאָל זיך אפילו געפינען די נויטיגע זייטיגע מאכט, וואָס זאָל העלפען דעם זיעג פון דער אידישער מינאָריטעט, קאָן אזא קאַמף און אזא זיעג ניט אַפּעלירען צו די אידישע אַרבייטער־מאַסען."

און גענאָסע צביון שרייבט:

„עס איז טאַקי אמת, אַז אין דער ענגלישער דעקלאַראַציע ווערט געזאָגט, אַז פּאַלעסטינא דאַרף ווערען די נאַציאָנאַלע היים פון דעם אידישען פאָלק, אָבער עס ווערט (ווערען) אין איהר צו־געגעבען צום ענד עטליכע ווערטער, וועלכע שטעלען אַוועק די גאַנ־צע אידישע נאַציאָנאַלע היים אונטער אַ גרויסען פראַגע־צייכען. עס ווערט אין דער דעקלאַראַציע געזאָגט, אַז פּאַלעסטינא זאָל יוערען אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר'ן אידישען פאָלק, אויף וויפיעל

דאָס וועט ניט שטערען די ציווילע, פּאָליטישע און רעליגיעזע רעכטען פון די איבריגע נאַציאָנאַליטעטען, וועלכע לעבען אין פּאַלעסטינא."

„אין פּאַלעסטינא וואוינען איינגעפעהר 700 טויזענד אַראַבער. ביז דער מלחמה האָט מען גערעכענט, אַז אין פּאַלעסטינא וואוינען אַרום 100,000 טויזענד אידען"...

„די ווירקליכע באַלעבאַטים פון לאַנד זיינען, אַלזאָ, די אַראַבער ניט בלויז דורך זייער פּאַקטישען רעכט, נאָר אויך דורך זייער גרויסער צאָהל. היינט ווי קען געמאַלט זיין אַ אידישע מלוכה אין פּאַלעסטינא, וועלכע זאָל ניט שטערען די רעכטע פון די פּאַקטישע באַלעבאַטים פון לאַנד, די אַראַבער?" *)

אין אַן אַנדער אָרט וויקעלט ער פּאַנאַנדער דעם געדאַנק פון די ציוניסטען, אַזוי צו זאָגען:

די ציוניסטען זיינען מודה, „אַז פּאַלעסטינא איז באַזעצט פון אַראַבער, אָבער וואו איז דער יושר, אַז די אַראַבער זאָלען האָבען צוויי לענדער, אי אין אַראַביען, אי אין פּאַלעסטינא, ווערענד די אידען האָבען קיין איין לאַנד? זאָלען דעריבער די אַראַבער פון פּאַלעסטינא זיך אַריבערקלייבען אין דער נייער אַראַבישער מלוכה, וואָס זיי האָבען געגרינדעט, און זאָלען זיי אין פּאַלעסטינא מאַכען פּלאַץ פאַר'ן אידישען פּאָלק."

„אַ אידישער רעפערענדום וועט ניט ווירקען אויף די פּאַלעסטינישע אַראַבער, זיי זאָלען זיך אַריבערקלייבען אין אַראַביען, כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר די אידען אין פּאַלעסטינא." **)

די „אַראַבישע" טענה קאָן דעריבער בקיצור פאָרמולירט ווערען אַזוי:

אַרץ־ישראל איז באַזעצט פון דעם אַראַבישען פּאָלק. עס איז דאָרטען ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ אידישער מאַיאָריטעט. דער אַראַבער איז דער פּאַקטישער באַלעבאָס פון דעם לאַנד, און וועט

---

*) צביון: קאָנען וואָס די אידישע אַרבייטער־מאַסען טאָן פאַר דער פאַרווירקליכונג פון ציוניסטישען אידעאַל? — „פאָרווערטס" פון 6טען מאַי, 1918.

**) ביידע שטעלען ציטירט פון „וועלען און קענען", „פאָרווערטס", 1טען מאַי.

ניט אַוועקגעהן, כדי צו מאכען פלאַץ פאַר אונז. ארץ־ישראל געהערט צו איהם, און מיר האָבען קיין רעכט ניט צו פאָדערען, דאָס לאַנד זאָל אַוועקגעגעבען ווערען אונז.

די אַלע באַהויפטונגען זיינען א פּראָדוקט פון אַן אויבער־פלעכליכער באקאנטשאפט מיט דעם פאקטישען צושטאַנד פון ארץ־ישראל, מיט די האָפנונגען פון דעם ציוניזם און מיט די פאָדערונגען פון דעם סאָציאַליסטישען רעכט.

עס איז ניט אמת, אַז ארץ־ישראל איז באזעצט פון דעם אראַבישען פאָלק; ארץ ישראל איז איבערהויפּט נאָך ניט ב א ־ ז ע צ ט . אַלע וויסען, אַז דאָס איז איצטער א ו ו י ס ט לאַנד, אַ ח ר ו ב לאַנד, וואָס דאַרף ערשט קאָלאָניזירט ווערען, באַזעצט ווערען.

לויט די סטאַטיסטישע אויסרעכענונגען פון בן־צבי און בן־גורין אין זייער מאָסגעבענדען ווערק „ארץ־ישראל", ווערט איצטער אין איהם בעאַרבייט קוים א צענטעל פון זיין באָדען. דאָס שטימט צונויף מיט דער באַהויפּטונג פון דעם ענגלענדער ק אָ נ ד ע ר , דעם בעסטען בר־סמכא אין ארץ ישראל פראגען, וואָס זאָגט, אַז „ווען פּאַלעסטינא זאָל ווערען דורכאויס קולטיווירט, אפילו לויט'ן אַרט פון די דאָרטיגע פעלאַכען, איז זי איכשטאַנד אויסצוהאַלטען צעהן מאָל אזוי פיעל פון איהר איצטיגער באַפעלקערונג", וואָס ווערט אגב גערעכענט אויף ניין מאָל הונדערט טויזענד.*)

*) זעה ד. בן־גורין און ז. בן־צבי, ארץ־ישראל, פערלאַג פועלי ציון פּאַלעסטינא קאָמ. ז. 414־417. — לויט די דאַטען, וואָס איך האָב אַרויסגעפיהרט פון ארץ־ישראל, אויף דעם סמך פון די דאָרטיגע מינדליכע אויטאָריטעטען, איז דער בעאַרבייטער באָדען אַ פ י נ פ ט ע ל פון דעם גאַנצען שטח. דער אונטערשייד שטאַמט מסתמא דערפון, וואָס די דאָרטיגע אויטאָריטעטען האָבען אויפגעפאַסט ארץ־ישראל אין אַ סך ענגערע גרעניצען, איידער דאָס טוט די וויסענשאַפטליכע געאָגראַפיע, און זיי האָבען בכלל ניט אַריינגעצויגען אין חשבון אַ סך דורכאויס וויסטע לענדער, וואָס באַלאַנגען צו איהר. אויסער דעם זיינען יענע דאַטען געווען אויסגערעכענט אויף דעם יסוד פון פּראַקטישע פּער־זענליכע אָבשאַצונגען, וואָס מוזען אַלע מאָל אָבטרעטען זייער פּלאַץ דער מעהר גענויער און פּאָרזיכטיגער וויסענשאַפטליכער אונטערזוכונג. איך נעהם דעריבער אָן די דאַטען פון דעם אידישען פּאַלעסטינא־בוך,

הייסט עס, אַז אפילו ביי די פּרימיטיווסטע מעטאָדען איז אין ארץ ישראל נאָך דאָ פּלאַץ נאָך פאַר אַ כ ט (8) מ י ־ ל י אָ ן מ ע נ ש ע ן , וועלכע קענען זיך באַזעצען אויף יענע לענדערייען וואָס ווערען נאָך פון קיינעם ניט בעאַרבייט. הייסט עס, אַז אויב מיר רעכענען, אין ארץ ישראל זאָלען אין די נאָ־ הענטע צייטען זיך באַזעצען ניט מעהר ווי אַ פּאָר מיליאָן אידען, איז דאָס אַ מ י נ י מ ו ם ־מעגליכקייט. אָבער שוין אָט דער מינימום פאַרוואַנדעלט די אַראַבישע באַפעלקערונג פון אַ מאָ־ יאָריטעט אין אַ מ י נ אָ ר י ט ע ט ; שוין אָט דער מיני־ מום פאַרווירקליכט אין אַ באַדייטענדער מאָס אַ אידישע פרייע נאַציאָנאַלע היים.

דערפון ווערט שוין אויך קלאָהר, אַז עס קומט איצטער קיי־ נעם ניט אַרויף אויפ'ן זין צו פאַרלאַנגען, די אַראַבער זאָלען פאַרלאָזען זייערע היימען אין אויסוואַנדערען ערגעץ־וואו אין אַן אַנדער לאַנד. עס איז דאָ גענוג פּלאַץ פאַר ביידע פעלקער, בתנאי, פאַרשטעהט זיך, אַז מיר זאָלען זיך נעמען פאַר דער קאָלאָני־ זירונג און בעאַרבייטונג פון דעם נ י ט ב אַ ז ע צ ט ע ן באָדען.

אַז די פּועלי ציון האָבען קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט, די אַראַ־ בער „זאָלען זיך אַריבערקלייבען קיין אַראַביען", דאַרף איך דאָ ניט דערמאָנען עקסטרא. אָבער אויך די אַלגעמיינע ציוניסטען האָבען דאָ ניט לאַנג דערקלערט דורך זייער אָפיציעלען פאַרטרעטער אין ארץ ישראל, דר. ח. ווייצמאַן, אַז „די באַפירכטונגען פון די אַראַ־ בער, טאָמער ווערען זיי אַרויסגעזעצט פון זייערע איצטיגע פּאָ־ זיציעס האָבען ניט קיין ברעקעל גרונד"*).

דעריבער קאָן גענאָסע צביון זיין פּאָלקאָמען רוהיג אויף בנוגע צו יענעם אומשטאַנד, וואָס מאַכט איהם אַזוי פיעל זאָרג: איך מיין דאָ באַלפור'ס באַמערקונג, אַז ארץ ישראל ווערט גענעבען ווי אַ נאַציאָנאַלע היים דעם אידישען פאָלק, „בתנאי, דאָס זאָל

---

וואָס איז געגרינדעט אויף דער בעסטער ליטעראַטור פון דעם פאַך און אויף גענויע בעאַרבייטונגען פון דעם רויה־מאַטעריאַל.

*) זעה די דעפּעשע אין „טיימס" פון דעם 18טען מאַי, 1918.

ניט שטערען די ציווילע, פאָליטישע און רעליגיעזע רעכטען פון די איבעריגע נאַציאָנאַליטעטען, וואָס לעבען אין פּאַלעסטינא". דאָס קען בשום אופן ניט מאַכען אונמעגליך אַ אידישע מאַיאָריטעט אין דעם לאַנד. אדרבה, דאָס איז ערשט די אַבסאָלוט נויטיגע גאַראַנטיע, אַז די אידישע מאַיאָריטעט זאָל ניט פאַרגוואַלדיגען די רעכטען פון די איבעריגע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטען. און אין דעם פונקט, מוז איך זאָגען, געהט באַלפור'ס דעקלאַראַציע ניט גענוג ווייט. זי וויל גאַראַנטירען נאָר „די בירגערליכע, פאָליטישע און רעליגיעזע רעכטען", ד. ה., דאָס, וואָס אַפילו די פּוילען ווילען גאַראַנטירען דעם אידישען פאָלק. באַלפור רעדט אַ וואָרט ניט וועגען די נאַציאָנאַלע רעכטען פון יענע מינאָריטעטען. די אידישע אַרבייטערשאַפט וועט אָבער מוזען אַרויסטרעטען מיט דער פאָדערונג, אַז דער נייער שטאַאט אין פּאַלעסטינא זאָל זיין געבויט אויך אויף דעם יסוד פון נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיגונג פאַר אַלע פעלקער-גרופּען און שפּראַכען-גרופּען וואָס וואוינען אין אונזער לאַנד. און ממילא וועלען אויך די נאַציאָנאַלע רעכטע פון די אַראַבער אויף אַ זעלבסט-פאַרוואַלטונג אין זייערע אינעווייניגסטע ענינים, אויף די פרייע אומגעשטערטע ענטוויקלונג פון זייער שפּראַך און זייער קולטור, בשום אופן ניט געשמעלערט ווערען.

דאָס איז בנוגע דער פּאַקטישער זייט פון דער זאַך. מיר געהן איצטער איבער צו דער רעכטליכער זייט. די פראַגע איז דאָ אַזאַ:

לאָז זיין, אַז די אידען קענען דאָרטען ווערען אַ מאַיאָריטעט, ניט אָנריהרענדיג קיין איין דונאַם פון דעם אַראַבער'ס באָדען, קיין איין האָר פון זיין רעכט אויף זעלבסט-פאַרוואַלטונג און נאַציאָנאַל קולטורעלע ענטוויקלונג. וואָס איז אָבער מיט זיין רעכט אויף דאָס גאַנצע לאַנד פּאַלעסטינא? האָט ער דען ניט דאָס פּאַקטישע רעכט אויף דאָס לאַנד? איז ער ניט דער פאַקטישער באַלאַבאָס פון דעם לאַנד? ווי איז — אַז ער וויל ניט, מיר זאָלען קומען צו איהם, אין „זיין" לאַנד און ווערען דאָרטען אַ מאַיאָריטעט? ווי איז — אַז ער פּראָטעסטירט געגען דעם, „זיין" לאַנד, פּאַלעסטינא,

זאָל אָוועקגעגעבען ווערען צו אַן אנדער פאָלק פאר אַ נאַציאָנאַלע היים?

געגאָסע צבויון פארזיכערט, אַז די אַראַבער אין פאַלעסטינא זיינען די „ווירקליכע באַלאַבאַטים" פון דעם לאַנד און האָבען דאָס „פאַקטיישע רעכט" אויף דאָס לאַנד. וואָס זאָל מען אָבער פאַר־שטעהן אונטער די ווערטער „ווירקליכע באַלאַבאַטים" און פאַק־טישעס רעכט"?

די אַראַבער זיינען די „ווירקליכע באַלאַבאַטים" און האָבען דאָס „פאַקטיישע רעכט" אויף יענע שטיקער באָדען, וואָס זיי בעאַרבייטען, אָדער וואָס געפינען זיך אין זייער אייגענטום. ווירקליכע באַלאַבאַטים איבער'ן גאַנצען לאַנד זיינען זיי ניט און קיין פאַקטישען רעכט אויף איהר האָבען זיי ניט.

די ווירקליכע באַלאַבאַטים אויף ארץ־ישראל זיינען ביז אַהער געוועזען די טערקען. איצטער ווערען דאָס, דורך דער מאַכט פון דעם שווערד, די ענגלענדער. שפּעטער וועט די פאָליטישע באַלאַ־באַטישקייט אויף דעם לאַנד דאַרפען באַשטימט ווערען פון דעם פ ר י ע ד ע נ ס ־ ק אָ נ ג ר ע ס. און דער פריעדענס־קאָנגרעס, ווילען מיר, זאָל באַשליסען אַזאַ „פאַקטישען רעכט" איבער'ן לאַנד, וואָס זאָל אונז, אידען, געבען די מעגליכקייט, צו קאָלאָניזירען עס, צו מאַכען עס פאַר אונזער נאַציאָנאַלער היים און צו ווערען דאָר־טען אַ מאַיאָריטעט.

„אָבער — מיט וואָס פאַר אַ רעכט קאָנען מיר דאָס פאָדע־רען? פאַרלאַנגט דען ניט דער סאָציאַליסטישער יושר, אַז אַ לאַנד זאָל געהערען צו דער מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג, וואָס וואוינט אויף איהם? איז ניט די דאָזיגע מאַיאָריטעט דער איי־גענטליכער באַלאַבאָס איבער'ן לאַנד לויט דעם סאָציאַליסטישען יושר?"

אין די „טענות שבכתב" האָב איך ערגעץ ניט אָנגעטראָפען די באַהויפּטונג, אַז לויט דעם סאָציאַליסטישען רעכט־באַוואוסט־זיין, דאַרף די מאַיאָריטעט פון אַ פאָלק זיין דער סוּווערענער באַלאַבאָס פון זיין לאַנד. אָבער אין די טענות שבעל־פה פלעג איך מיך תמיד אָנשטויסען אָט אויף דער, כלומרשט סאָציאַליסטי־שער, טענה. און איך מוז מודה זיין, אַז איך בין אויך געגאַסע

צביון'ען חושד, אַז אויך ער איז אַריינגעפאַלען אין דעמזעלביגען טעות; אַז אויך ער מיינט אפשר מיט די ווערטער „פאַקטישעס רעכט" — דאָס „סאָציאַליסטישע" רעכט פון יעדען פאָלק (און ממילא פון יעדער פאָלקס־מאַיאָריטעט) אויף דאָס לאַנד, אין וועלכען עס וואוינט.

מען מוז דעריבער איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסטשטעלען דעם סאָציאַליסטישען בליק אויף דעם גאַנצען ענין.

איין כלל גדול מוז מען דאָ האָבען אין אויג:

דער סאָציאַליזם לייקענט אויף דעם שאַרפסטען אופן דאָס אייגענטומס־רעכט אויף לאַנד, ניט נאָר פון יחידים, ניט נאָר פון געזעלשאַפטען, נאָר אויך פון פעלקער און נאַציעס.

פאַר וואָס דער סאָציאַליזם מוז דאָס טאָן, קאָן איך אין די גרעניצען פון מיין היינטיגען אַרטיקעל ניט דערקלעהרען, אָבער־אָט, וואָס עס שרייבט וועגען דעם די גרעסטע אויטאָריטעט אין סאָציאַליסטישע פראגען, קאַרל מאַרקס אין דעם דריטען באַנד פון זיין גרונד־לעגענדען ווערק „דאָס קאַפּיטאַל":

„פון דעם שטאַנדפונקט פון אַ העכערער, עקאָנאָמישער געזעלשאַפטס־פאָרם, (מאַרקס מיינט דאָ דעם סאָציאַליזם. — זש.), וועט פריוואַט אייגענטום אויף דער ערד, וואָס זאָל געהערען צו איינינגע יחידים, אויסקומען כמעט פונקט אַזוי אַבסורד, ווי דאָס פריוואַט־אייגענטום פון איין מענשען אויף אַן אַנדער מענשען. אַפילו אַ געזעלשאַפט, אַ נאַציע, אָדער אַלע געזעלשאַפטען אין איינעם קאָנען ניט זיין די אייגענטימער פון דער ערד. זיי זיינען נאָר איהרע באַזיצער, איהרע געברויכער, און זיי מוזען, ווי גוטע פאַמיליען־פאָטערס, איבערגעבען זי צו די קומענדע דורות אין אַ פאַרבעסערטען צושטאַנד." *)

אָט דעם געדאַנק, אַז אַפילו אַ פאָלק קאָן ניט זיין קיין אב־

*) קאַרל מאַרקס, דאָס קאַפּיטאַל, באַנד 3, ענגלישע איבערזעצונג, זייטע 901-902.

סאָלוטער באַלאַבאָס איבער „זיין" לאַנד, האָט קאַרל מאַרקס איבער־גענומען פון זיין ערשטען לעהרער אין סאָציאַליזם, פון פּרודאָן.

אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז פּרודאָן געווען דער ערשטער, וואָס האָט קלאָהר פאָרמולירט און ענטוויקעלט יענעם פּרינציפּ. אין זיין געניאַלער ערשטער סאָציאַליסטישער שריפט: „וואָס איז אייגענטום?" שרייבט פּרודאָן:

„ש. קאָנט („טראַקטאַט איבער אייגענטום") זאָגט: „פראַנק־רייך, באַטראַכט אַלס נאַציאָן, האָט איהר אייגענע טעריטאָריע". פראַנקרייך באַזיצט, ווי אַ יחיד, אַ טעריטאָריע, וועלכע זי נוצט אויס, אָבער זי איז ניט איהר אייגענטימער. נאַציאָנען צווישען זיך זיינען פּונקט ווי יחידים צווישען זיך: זיי אַרבייטען און זיי ציהען נוצען פון דער אַרבייט. עס איז בלויז אַ מיסברויך פון דער שפּראַך, ווען מען זאָגט, אַז אַ נאַציאָן האָט אַ הערשאַפט איבער דעם באָדען. דאָס רעכט צו געברויכען און צו מיסברויכען געהערט צו אַ פאָלק פּונקט אַזוי ווייניג, ווי צו דעם איינצעלנעם מענשען; און עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַ מלחמה, וואָס וועט ווערען אונטערנומען צו באַשטראָפען דעם מיסברויך פון דער ערד דורך אַ נאַציאָן, וועט זיין אַ הייליגער קריעג".*)

ס'איז אמת, אַז אין די שטעלען פון מאַרקס און פּרודאָן ווערט ניט באַהאַנדעלט דער ספּעציעלער פאַל, וואָס אינטערעסירט אונז אין אונזער היינטיגען אַרטיקעל. אָבער דער אַ ל ג ע מ י י נ ע ר פּ ר י נ צ י פּ, וואָס דאַרף אָנגעווענדעט ווערען אויף אַלע ספּעציעלע פאַלען, איז ביי ביידע סאָציאַליסטישע אויטאָרען אַרויס־געזאָגט געוואָרען גענוג בולט און קלאָהר. לויט דעם סאָציאַליס־טישען רעכט־באַוואוסטזיין קאָן קיין לאַנד ניט געהערען צו קיינעם ניט. מיר זיינען אַקוראַט אַזעלכע באַלאַבאַטים אויף ארץ־ישראל, אויף דער שווייץ און אויף אַמעריקא ווי די אַראַבער, די שווייצאַ־רער, די אַמעריקאַנער. דעריבער טאָר אויך קיין פאָלק ניט פאַר־מאַכען זיינע טירען פאַר קיינעם ניט. דעריבער טאָר אויך קיין

*) זעה פּ. זש. פּרודאָן, „וואָס איז אייגענטום", אידישע איבער־זעצונג פון דר. א. קאָראַלניק, פערלאַג קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעל־שאַפט, 1917. זייטע 135.

פאָלק ניט זאָגען: אַז אין מ י י ן לאַנד דאַרף הערשען „מ י י ן" רעליגיע, „מ י י ן" שפראַך אָדער „מ י י ן" קולטור.

די גאַנצע ערד ווערט צוטיילט צווישען די פעלקער פון דער מענשהייט ניט אין אייגענטום, נאָר אין באַזיץ, און די מענשהייט דאַרף אַנערקענען דעם באַזיץ אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל ער איז נוצליך פאַר דעם מענשליכען פראָגרעס. זי קאָן אַפילו דער־קלעהרען קריעג אַנטקעגען אַ פאָלק דערפאַר, וואָס ער מיסברויכט זיין לאַנד, ד. ה. ריכטגיער: זיין ו ו א ו י ן ־ פ ל א ץ, ז י י ן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ה י י ם.

איצטער לאָמיר זיך פאָרשטעלען (און עס איז שוין גאָר ניט שווער זיך דאָס פאָרצושטעלען), אַז עס וועט, נאָך איידער דער סוף פון דער מלחמה, אויסברעכען אַ רעוואָלוציע, לאָמיר זאָגען, אין דייטשלאַנד, איטאַליע און פראַנקרייך, און אַז ביים פריעדענס־טיש וועלען זיצען אַ סך ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע פאַרטרעטער, וואָס קאָנען מיט זייער שטים באַשליסען דעם גורל פון ארץ־ישראל, ווער עס זאָל קאָלאָניזירען דאָס לאַנד און ווער עס זאָל דאָרטען בויען זיין נאַציאָנאַלע היים.

לאָמיר אָננעהמען, אַז צו דעם פריעדענס־קאָנגרעס וועלען גע־רופען ווערען פאַרטרעטער פוןביידע פעלקער, די אידען און די אַראַבער, זיי זאָלען דערקלעהרען זייער סאָציאַליסטישען יושר־רעכט אויף דעם באַזיץ פון פאַלעסטינא.

וואָס וועלען די אידען טענה'ען?

זיי וועלען אויפווייזען, ווי נויטיג עס איז פאַר אַ פאָלק צו האָבען אַן אייגענע היים, וואו עס זאָל געזיכערט זיין די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ פון דעם פאָלק און די פרייע נאָרמאַלע ענטוויקלונג פון זיין קולטור. זיי וועלען דערמאָנען, אַז די אַראַבער זיינען אין דעם פרט שוין לאַנג פאַרזיכערט. זיי האָבען ניט נאָר איין נאַציאָנאַלע היים, נאָר ע ט ל י כ ע: אין סיריען, אין מצרים, אין נאָרד־אַפריקאַ און אין אַראַביען גופא; אַז דאָס לאַנד אַראַביען אליין פאַרנעהמט אַ שטח פון אַ מיליאָן מיט אַ פינפטעל קוואַדראַט־מיילען, און אַז ביי אַ ב י ס ע ל ע אַ בעסערער טעכניק אָנען דאָרטען וואוינען ניט פינף מיליאָן מענשען, ווי איצטער, נאָר גאַנצע צוואַנציג מיליאָן. אַז זייער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ און

זעלבסטשטענדיגע ענטוויקלונג איז שוין דעריבער גאראנטירט אויף דעם העכסטען אופן — בעת די פופצעהן מיליאָן פון דעם אידישען פאָלק וואלגערען זיך אַרום, ווי „ראבטשיק דער אידישער הונד", איבער פרעמדע הויפען, ווערען באהאנדעלט פונקט ווי ראבטשיק, און זייער נאציאָנאלע עקזיסטענץ און ענטוויקלונג שטעהט אין שטענדיגער געפאהר.

זיי וועלען ווייטער אויפוויזען, אז מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק האָבען זיי שוין אמאָל געוואוינט אין יענעם לאנד, פון וועלכען זיי זיינען איבערגעוואלד פארטריבען געוואָרען און — זאָל די געשיכטע זאָגען עדות, מיט וואָס פאר א ליעבע זיי זיינען אַרומגעגאנגען ארום דעם לאנד, ו ו י זיי האָבען עס אָפגעהיט: טעראסען געבויט, ברונימס געגראָבען, די לעצטע כחות אוועקגעלעגט, כדי צו באבויען עס און „ווי גוטע פאמיליען־פאָטערס איבערגעבען עס אין א פארבעסערטען צושטאנד צו די קומענדע דורות"; אז אין די ארעמס פון די פאלעסטינער אראבער ליגט דאָס לאנד חרוב און פארלאָזען, און פיעבערט אין שמוץ און פארוויסטונג.

די אידען פארלאנגען דעריבער אז מען זאָל זיי געבען די מעגליכקייט, צוריק אומצוקעהרען זיך צו זייער אלטער היים, — ווידער אָנהויבען דאָרטען די הייליגסטע ארבייט פון א פאָלק באשאפען א גן־עדן פאר דעם מענשליכען ישוב, באשאפען א חשוב'ען ארבייטס־ און לעבענס־פלאן פאר די קומענדע דורות; באשאפען א געשיצטען אָרט פאר דער אייגענער פאָלקס־עקזיסטענץ.

וואָס וועלען די אראבער קאָנען דערויף ענטפערען? זיי וועלען קאָנען האָבען נאָר איין טענה: אָבער אויך מיר באטראכטען דאָס לאנד פאר אונזער היים; מיר ווילען ניט אוועקגעהן פון דאָרטען; מיר ווילען אויך לעבען דאָרטען מיט אונזערע קינדער און קינדס־קינדער.

„איז — גוט", וועלען פסק'ענען די פארטרעטער פון דעם סאָציאליסטישען יושר. „קיינער טרייבט אייך פון דאָרטען ניט. אייער'ס א האָר זאָל ניט געקרימט ווערען. אָבער אויף די לענדעריען, וואָס איהר האָט געלאָזען וויסט, וואָס איהר ב א ז י צ ט

זיי ניט, האָט איהר קיין ברעקעל ר ע כ ט ניט, און איהר טאָרט ניט שטערען דעם אידישען פאָלק אויפצובויען דאָרטען זיין נאַציאָנאַלע הייב, און וועלכער איהר וועט זיין אקוראט אזעלכע באַלאַבאַטים, ווי ער אַליין, ווייל אויך אייערע נאַציאָנאַלע רעכט וועלען גאַראַנטירט ווערען אין אונזער אינטערנאַציאָנאַלען אָבמאַך.”

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דער סאָציאַליסטישער יושר וועט ניט הערשען אויף דעם פריעדענס־קאָנגרעס, צו אונזער גרעסטען, גרעסטען באַדויערען; ווייל אויב ער וואָלט געהערשט, וואָלט אונזער זאַך געווען אַ געזיכערטע. איך האָב אָבער די היפּאָטעזע אויסגעשפּונען צוליעב דעם, כדי עס זאָל פאַר אונזער אייגענעם געוויסען קלאָהר ווערען, אויף וואָס מיר גרינדען אונזער רעכט, צו בויען אַן אייגענע נאַציאָנאַלע הייב אין ארץ־ישראל.

מיר גרינדען עס ניט אויף דעם אַליין, וואָס מיר האָבען מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק דאָרטען געוואוינט; ניט אויף דערויף, וואָס ענגלאַנד האָט דאָס איצטער איינגענומען מיט'ן שווערד און וויל דאָס אונז אָוועקגעבען.

מיר גרינדען אונזער רעכט אויף ארץ־ישראל, דער עיקר אויף דעם, וואָס מיר זיינען אַ פאָלק און דאַרפען האָבען אַ נאַציאָנאַלע הייב; וואָס דאָס לאַנד איז וויסט און געהערט צו קיינעם ניט; וואָס מיר האָבען דעם ווילען און די מאַכט אויפצובויען עס און צו דערפילען דאָרטען די הייליגסטע פליכט פון אַ פאָלק — אַרומצוגעהן אַרום דער מוטער־ערד און צו לעבען דירעקט פון דער מוטער־ערד; זיך צום נוצען, קיינעם ניט צום שאַדען; פאַר דער מענשהייט אַ באַרייכערונג מיט נאָך אַ נאָרמאַלען געזונדען פאָלק, מיט נאָך אַ באַלעבטען לאַנד.

עס איז דעריבער קלאָהר, אַז אונזער פאָדערונג געהט ניט להיפך צו דעם ראַדיקאַלסטען סאָציאַליזם, אדרבה, זי שטעהט אין דעם בעסטען איינקלאַנג מיט איהם, און אַז די אַראַבער האָבען קיין ר ע כ ט ניט, צו שטערען אונז אין אונזער שטרעבען, צו באַבויען דאָס לאַנד.

.3

# די „אַנעקסיע"־פראַגע

פּאַלעסטינא איז איצט א טערקישער פּראָווינץ, א טייל פון דער טערקיי. ווען מען רייסט אָב געוואַלטזאם א טייל פון א וועלכען־עס־איז לאַנד און מען גיט עס אַוועק צו אַן אַנדערען, הייסט דאָס „אַנעקסירען". ווען מען זאָל ארץ־ישראל געוואַלט־זאַם אָברייסען פון דער טערקיי און אַוועקגעבען דעם אידישען פאָלק, וועט דאָס זיין אַן „אַנעקסיע". אָבער די פּאָליטיק פון דעם סאָציאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט פּראָטעסטירט העפטיג געגען אַנעקסיעס. ממילא מוז אויך דער אידישער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט פּראָטעסטירען אַנטגעגען דעם פּלאַן, מען זאָל אָב־רייסען פּאַלעסטינא פון דער טערקיי און איבערגעבען זי צו דעם אידישען פאָלק.

דאָס איז די טענה.

די טענה איז, ווי איהר זעהט, א שולחן־ערוך'דיגע. זי געהט אַרויס פון א געוויסען „סעיף" אין דעם סאָציאַליסטישען „אורח חיים" און ווענדט איהם אָן אַן אָהן אַן אונטערשיעד אויף אַ ל ע פעלען פון דעם פּאָליטישען לעבען, פּונקט ווי א פרומער איד באַגעהט זיך מיט זיינעם א דין.

אָבער אַפילו וועגען דעם פרומען אידישען שולחן־ערוך זאָגען א סך ק ל ו ג ע פרומע אידען, אז נאָך יעדען „סעיף" זיינעם שטעהט א ניט־געשריבענער „סעיף־קטן" פון נאָר דריי אותיות: „א. ת. ש.", און די דריי אותיות מאַכען: „אל תהי שוטה!" — „זיי ניט קיין נאַר!"

דער קלוגער פרומער איד וויל דערמיט זאָגען, אַז בעת מיר לערנען א דין אין שולחן־ערוך און ווילען איהם אָבהיטען אין לעבען, דאַרפען מיר זיך ניט לאָזען פיהרען פון איהם נאַריש און בלינד.

מיר דאַרפען גוט פאַרשטעהן זיין אינוועניגסטען טעם, זיין

זין, דעם ציעל, וואָס מען וויל מיט איהם דערגרייכען, און די רעה וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם, אויב מען זאָל חלילה איהם ניט פאָלגען. ערשט יעמאָלט קאָנען מיר וויסען אויף זיכער, ווען און ווי אַזוי איהם אָנצואווענדען אין לעבען.

אין לעבען קאָנען טרעפען פעלען, ווען מיר זיינען געצוואונגען צו געהן, אָדער מיר ווילען געהן, להיפך צו דעם דין, אויב מיר זאָלען זיך האַלטען פאַר דער פאָרמאַלער זייט זיינער, פאַר דעם בוכשטעבליכען טייטש פון זיינע ווערטער. ווען מיר זאָלען זיך אָבער אַריינטראַכטען אין זיין אינוועניגסטען טעם און זין, וועלען מיר אפשר געפינען, אַז די געצוואונגענע, אָדער געוואָלטע האַנדלונג געהט נאָר להיפך צו דעם פאָרמאַלען וואָרט פון דעם דין, אָבער ניט להיפך צו זיין טיעפערען אינוועניגסטען טעם. יעמאָלט מ ע ג מען עובר זיין אויף דעם דין.

און עס קאָנען טרעפען אַנדערע פעלען, וואו די געצוואונגענע, אָדער געוואָלטע האַנדלונג, וואָס איז סותר דעם פאָרמאַלען דין, געהט ניט נאָר ניט להיפך צו זיין טיעפערען אינוועניגסטען טעם, נאָר, אדרבה, יענער טעם און זין קאָן אין דעם ספעציעלען אויסנאַהמס־פאַל ערשט פאַרווירקליכט ווערען, ווען מען זאָל עובר זיין אויף דעם פאָרמאַלען טייטש פון זיינע ווערטער. יעמאָלט איז גאָר אַ מצוה עובר צו זיין אויף דעם פאָרמאַלען דין.

און נאָך עפטער קומען פאָר פעלען אין לעבען, ווען די רעה פון ניט־פאָלגען דעם דין איז אַ סך קלענער איידער די סכנה וואָס וואָלט אין דעם ספעציעלען פאַל אויסגעוואַקסען, ווען מען זאָל זיך האַלטען שטייף פאַר דעם בוכשטעבליכען זין פון דעם וואָרט. יעמאָלט מ ו ז ע ן מיר עובר זיין אויף דעם דין, יעמאָלט איז אָבהיטען דעם דין א ז י נ ד.

אָט דאָס איז דער זין פון דעם „סעיף־קטן", פון דעם „אל תהי שוטה". שטיצענדיג זיך אָט אויף דעם קליינינקען „סעיף", האָבען אונזערע הסידישע טאַטעס און זיידעס, וואָס האָבען אויפגעפאַסט דאָס אידיישע רעליגיעזע לעבען פון אַ העכערען שטאַנדפונקט, עובר געווען אויף אַ סך בפירוש'ע דינים פונ'ם „שולחן־ערוך אורח חיים" און האָבען דערמיט אַרויסגערופען די פאַרביטערטסטע געגענערישאַפט פון דער אַלטער מתנגד'ישער וועלט,

דער פארגליווערטער אין איהר פארמאלער „שולחן־ערוך'קייט".

איך וואלט מיך ניט אבגעשטעלט אזוי לאנג אויף דעם סעיף קטן און זיין באדייטונג, אויב איך וואלט ניט געוואוסט, אז אונזער ראדיקאלע אידישע וועלט באגעהט שוין צופיעל זינד אנטגעגען איהם.

ווער געדענקט ניט די דעבאטען, וואס זיינען געפיהרט געווארען אין ראדיקאלע קרייזען וועגען דעם, צי א פרייזיניגער ארבייטער מעג זאגען קדיש נאך זיין פאטער, כדי ניט צו פארשאפען קיין צער זיין גלויביגער מוטער, צי ער מעג פיהרען א כשר'ע קיך, כדי צוליעב טאן זיין פרומער פרוי און כדי פרומע קרובים זאלען קאנען אריינגעהן צו איהם אין הויז און זיצען ביי זיין טיש.

די גרעסטע מאיאריטעט פון אזעלכע „שאלות" וואלטען לכתחילה ניט אויסגעוואקסען, ווען דער אפיקורסיש־פרומער ארבייטער וואלט ניט פארגעסען אן דעם סעיף־קטן פון „אל תהי שוטה".

איך בין בשום אופן ניט געניינגט אפצושפאטען פון אפיקורסישע און סאציאליסטישע פרינציפען. איך גלויב באמונה שלמה, אז יעדער בר־דעת, וואס וויל פיהרען א פערנינפטיגען לעבען, מוז פיהרען א פ ר ו מ ע ן לעבען, ד. ה. מוז זיין טריי צו געוויסע פרינציפען און דינים, וואס זיינען איהם טייער, ווייל זיין שכל זאגט איהם, א ז ע ר ד א ר ף ו ו ע ל ע ן יענע פרינציפען און דינים.

און איך וויים אויך גאנץ גוט, אז צוליעב די אינטערעסען פון אזא פארנינפטיגען פרומען לעבען מוז אויסגעארבייט ווערען א קאדעקס פון פרינציפען, וואס דארף שטרענג אבגעהיט ווערען — א געשריבענער אדער ניט־געשריבענער, א סיסטעמאטיזירטער אדער פונאנדערגעווארפענער.

אבער מיט יעדען פרינציפען־קאדעקס איז פארבונדען די געפאהר פון „שולחן־ערוך'קייט", פון נאכגעהן בלינד נאך דעם בוכשטאב פון דעם דין, אפילו דארטען, וואו דערפון קאן ליידען זיין אינוועניגסטער באדייט. די שמירה אנטגעגען אט דער געפאהר איז דער „סעיף־קטן", די פאדערונג, זיך צו רעכענען ניט מיט דעם ווארט פון דעם דין, נאר מיט זיין אינוועניגסטען ציעל. און מיט

דעם אינוועניגסטען ציעל — אויך ניט אבסטראַקט און אבסאָ־לוט, נאָר אַלעמאָל אין די געגעבענע קאָנקרעטע לעבענס־אומשטענ־דען, אַלעמאָל אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל ער שטויסט זיך ניט צונויף מיט די העכערע אינטערעסען פון דעם מענשליכען לעבען.

סאָציאַליזם איז אַ פרינציפ, קלאַסענקאַמף איז אַ פרינציפ, פרייער געדאַנק איז אַ פרינציפ, „קיינע אַנעקסיעס" איז אַ פרינ־ציפ, און די אַלע פרינציפען דאַרפען אונז זיין הייליג און טייער; אָבער נאָך יעדען פון זיי שטעהט דער ניט־געשריבענער „סעיף־קטן". נאָך קיינעם פון זיי טאָרען מיר ניט געהן ב ל י נ ד. און אלע מאָל ווען זיי שטויסען זיך צונויף מיט געוויסע לעבענס־נויטען, דאַרף מען אַריבערגעהן פון זייער בוכשטאַב, פון זייער פאָרמאַלען טייטש צו זייער אינוועניגסטען זין, זיך אַריינטראַכטען אין די קאָנקרעטע אומשטענדען, אין וועלכע דער פרינציפ דאַרף דורכ־געפיהרט ווערען, אין די קאָנקרעטע לעבעדיגע אינטערעסען פון די קאָנקרעטע לעבעדיגע מענשען, וואָס שטעהען אין קאָן, בעת מיר היטען אָב דעם פרינציפ אָדער זיינען עובר אויף איהם.

ווייל דער פרינציפ פון כל הפרינציפען איז — אַז „פקוח נפש איז דוחה שבת", אָדער, ווי קריסטוס זאָל זיך האָבען אויסגעדריקט: אַז ניט דער מענש איז צוליעב דעם שבת, נאָר דער שבת איז צוליעב דעם מענשען.

סאָציאַליזם, קלאַסענקאַמף, פרייער געדאַנק און „קיינע אַנעק־סיעס" זיינען ניט צוליעב זיך אַליין, נאָר צוליעב די אינטערעסען פון לעבעדיגע מענשען, וואָס דאַרפען דערגרייכט ווערען דורך זיי. אָט מיט די אינטערעסען דאַרף מען זיך רעכענען אַלע מאָל, ווען עס וואַקסט אויס אַ קאָנפליקט צווישען דעם פרינציפ און די פאָדערונ־גען פון דעם לעבען.

וועלכע העכערע מענשליכע אינטערעסען האָבען אַרויסגע־בראַכט דעם פרינציפ פון „קיינע געוואַלטזאַמע אַנעקסיעס"?

דאָס איז די פאָדערונג, אַז די הערשענדע דיפּלאָמאַטיע זאָל זיך ניט אַרומוואַרפען מיט פעלקער און לענדער געגען זייער איי־גענעם ווילען; דאָס איז די פאָדערונג, אַז יעדעס פאָלק זאָל האָבען אַ רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג. ווען מען רייסט אָב אַ שטיק פון איין לאַנד, אַ טייל פון איין פאָלק און מען אַנעקסירט דאָס

צו אַן אנדער פאָלק און אַן אַנדער לאַנד, פאַרגוואַלטיגט מען דעם ווילען פון יענעם טייל, איז מען עובר אויף דעם דין פון זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט פאַר פעלקער.

עס איז דעריבער קלאָר, אַז דער פּרינציפּ פון „קיינע אַנעקסיעס" איז אַ חיוב נאָר דאָרטען, וואו די אנעקסיע וואָלט עובר געוועז אויף דעם פּרינציפּ פון זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט פאַר אַלע פעלקער. דאָרטען אָבער, וואו די דורכפיהרונג פון דעם זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט קאָן ניט געשעהן אָהן אַ געוואַלטזאַמער אַנעקסיע, איז זי ניט נאָר מותר, נאָר אַן אונבאַדינגטער חוב.

דער בעסטער באַווייז דערצו איז די פּוילישע פראַגע. פּוילען קאָן ניט ווערען זעלבסט־שטענדיג און דאָס פּוילישע פאָלק קאָן ניט אויסנוצען זיין רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג, סיידען עס זאָל פריהער געמאַכט ווערען אַ דרייפאַכע אַנעקסיע: עס מוז אָבגעריסען ווערען אַ טייל פון רוסלאַנד, אַ טייל פון עסטרייך און אַ טייל פון דייטשלאַנד, און די טיילען דאַרפען אַוועקגעגעבען ווערען „אַן אַנדערען".

דיזעלבינע זאַך איז אויך מיט ארץ־ישראל. פּאַלעסטינא איז אַ טייל פון דער טערקיי, אָבער איהר באַפעלקערונג איז ניט קיין טערקישע. אין יענעם לאַנד וועט דאַרפען באַקומען אַ רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג אַן אַנדער פאָלק. ווער עס זאָל ניט זיין דאָס אַנדער פאָלק, וואָס האָט אַ רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג אין ארץ־ישראל — דאָס אידישע אָדער אַראַבישע — די רעאַליזירונג פון יענעם רעכט קאָן ניט געשעהן אָהן אַנעקסיע, אָהן דער אָברייסונג פון פּאַלעסטינא פון דער טערקישער אימפּעריע. און די פאָדערונג פון אָט דער אנעקסיע איז אַ חיוב פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק.

דאָס איז איינס אַוועק.

והשנית, זיינען אַזעלכע אָברייסונגען, ווי די פון די שטיקער פּוילען, צוליעב דעם פּוילישען פאָלק און פון פּאַלעסטינא צוליעב דעם אידישען פאָלק, איבערהויפּט ניט קיין אַנעק־סיעס.

אַן אנעקסיע קומט פאָר דעמאָלט, ווען מען נעהמט אוועק פון אַ פאָלק אַ טייל פון זיין לאַנד און מען גיט דאָס איבער צו

אַ פרעמדר פאָלק. נעהמט מען אָבער אַוועק ביי אַ פאָלק אַזאַ טייל פון לאַנד, וואָס איז פריהער ניט געווען ז י י ן לאַנד, וואָס ער האָט פריהער אַנעקסירט מיט דער מאַכט פון זיין שווערד פון אַן אַנדער פאָלק, הייסט דאָס שוין ניט קיין אַנעקסיע, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז פּונקט דער היפּך דערפון. די דיפּלאָמאַטיע רופט דאָס דעריבער אָן „ד י ס אַ נ ע ק ס י ע", די אָבשאַפונג פון דער פריהערדיגער אַנעקסיע.

קיין איין נייע זעלבסטשטענדיגע מדינה קאָן איצטער ניט גע־גרינדעט ווערען אָהן דיס־אַנעקסיעס... א דיס־אַנעקסיע האָט אָבער די סאָציאַליסטישע פּאָליטיק קיינמאָל ניט אַריינגעלעגט אין חרם. און זי קאָן דאָס ניט טאָן, ווייל דיס־אַנעקסיעס זיינען דער איינ־ציגער מיטעל, ווי אַזוי קאָנסעקוועגט דורכצופיהרען דעם פּרינציפּ פון זעבלסט־באַשטימונגס־רעכט פאַר די אונטערדריקטע פעלקער: נאָר דורך דיס־אַנעקסיעס קאָנען פּוילען, ליטא, אוקראַינא, פינלאַנד, א. ז. וו. ווערען פרייע שטאַאַטען.

אָברייסען פּאַלעסטינא פון דער טערקיי און מאַכען פון איהר אַ זעלבסטשטענדיגע פרייע רעפּובליק הייסט דעריבער ניט אַנעקסירען פּאַלעסטינא, נאָר פּונקט דער היפּך דערפון: דיס־אַנעקסירען זי פון דעם פאָלק, וואָס האָט זי אַנעקסירט, און אַוועקגעבען זי צו אַ פריהערדיגע באַלאַבאָס, וואָס האָט אויף איהר, מחמת דעם אָדער יענעם טעם, אַ פולען רעכט.

און דעריבער זיינען אָט די אַלע רעדעניסען וועגען דער שעהנ־קייט און פרומקייט פון די אַלגעמיינע ציוניסטען און דער „אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע", וואָס ווילען מעהר ניט ווי דאָס רעכט פון פרייע איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינא, אָדער העכסטענס אַ אידישע אויטאָנאָמיע אין יענעם לאַנד, ניט מעהר ווי אַ פּראָדוקט פון גערדאַנקען־פוילקייט, פון ניט וועלען זיך אַריינטראַכטען זיך אין דעם ענין. און צוריק זיינען די אַלע געשמועסערייען וועגען די צולאָזענע „אימפּעריאַליסטישע" „פּועלי ציון", וואָס ווילען „אַנעק־סירען" ארץ־ישראל — ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַ הוילער, נאַקעטער שטות.

דיס־אַנעקסיע פון פּאַלעסטינא און איהר פאַרוואַנדלונג אין אַ זעלבסטשטענדיגע רעפּובליק, כדי אַן אַנדער פאָלק זאָל דאָרטען

קאָנען דורכפיהרען זיין רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג, איז דע־
ריבער אויך אין דעם בוכשטעבליכען זינען פּוּנ׳ם וואָרט אַ פאָדע־
רונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק.

פאַר וואָס די דאָזיגע פאָדערונג דאַרף געשטעלט ווערען ניט
צוליעב דעם אַראַבישען פאָלק, נאָר צוליעב דעם אידישען, האָבען
מיר ערקלעהרט אין אַ פריהערדיגען פּאַראַגראַף: „די אַראַבישע
פראַגע״.

---

.4

## ציוניזם און קלאַסען־קאַמפּף

די ציוניסטישע ארבייט „איז ניט אונזער אַרבייט״, טענה׳ט
געגאָסע בורגין. „מיר זיינען ניט קיין כלל־ישראל׳ניקעס. מיר זיי־
נען אַ פּאַרטיי פון אַרבייטער־קלאַס. סאָציאַליזמוס איז איהר איינ־
ציגער צוועק, און דער קלאַסען־קאַמף איז דער איינציגער וועג צו
איהם״. *)

דאָס קלינגט אביסעל ווי דער מאַהאָמעדאַנישער אני־מאמין:
„ניטאָ קיין אַללאַה אַ חוץ אַללאַה, און מאַהאָמעד איז זיין פּראָ־
פעט!״ — און אויך דאָ האָבען מיר פאַר אונז אַ פאַל פון אַ גרויסען
און וויכטיגען פּרינציפּ, וואָס ווערט באַהאַנדעלט אויף אַ שולחן־
ערוך אופן: ער ווערט גענומען אין אַן אַבסטראַקטען, אבסאָלוטען
זין, וואָס זאָל זיין אַ חוב פאַר אַלע אַרבייטער־קלאַסען, אין אַלע
ציטען, אונטער אַלע אומשטענדען. מען זינדיגט דערביי געוואַלדיג
אַנטגעגען דעם „סעיף־קטן״.

ס׳איז ניט אמת, אַז פאַר יעדען ארבייטער־קלאַס איז דער
סאָציאַליזם דער איינציגער צוועק. דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט,
צום ביישפּיעל, שטרעבט ניט נאָר צו דעם סאָציאַליזם, נאָר אויך צו

---

*) זעה ה. בורגין. איז דער ציוניזמוס אַ פּאָר קליידער מיט׳ן
סאָציאַליזמוס? — „פאָרוועטס״ פון 8טען פעברואַר, 1918.

דער פולער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט פון זיין פּאָלק. וואָלט ער געשטרעבט נאָר צו דעם סאָציאַליזם, וואָלט פאַר איהם אפשר בעסער געלוינט צו בלייבען ביי רוסלאַנד, בפרט ביי דעם באָלשע־וויסיטישען רוסלאַנד, וואָס איז, לויט געג. בורגין׳ס מיינונג, שוין אַריינגעטראָטען אין דעם פּעריאָד פון סאָציאַליסטישער ענט־וויקלונג.

די פּוילישע אַרבייטער ווילען אָבער אַ חוץ סאָציאַליזם, אויך נאָך אַבסאָלוטע זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט פאַר זייער פּאָלק: זיי ווילען אַן אייגענעם שטאַאט.

און אַזוי איז דאָס מיט יעדען אַרבייטער־קלאַס פון יעדען אונטערדריקטען פּאָלק. פאַר יעדען פון זיי איז דער סאָציאַליזם ניט דער איינציגער צוועק פון זייער קאמפף. יעדער פון זיי וויל נאָך, אַ חוץ דעם, אַבסאָלוטע פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, אַליין איינס, צי זי פאַרבעסערט אָדער פאַרבעסערט ניט די שאַנסען פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע.

פאַר די אונטערדריקטע פעלקער איז זייער באַפרייאונג אַקו־ראַט אַזאַ וויכטיגער ציעל, אַקוראַט אַזאַ נויטיגער זעלבסט־צוועק, ווי דער סאָציאַליזם אַליין.

עס איז אויך ניט אמת, אַז דער קלאַסען־קאַמפף איז אַלע מאָל דער איינציגער וועג, אויף וועלכען עס געהט דער פּראָלע־טאַריאַט. אין דעם קאַמפף פאַר פולע נאַציאָנאַלע באַפרייאונג און פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט זיינען די אַרבייטער אָפט גע־צוואונגען צו געהן האַנד אין האַנד מיט דער בורזשואַזיע, לאָמיר זאָגען: אין אַן אויפשטאנד אַנטגעגען דעם אונטערדריקטען פּאָלק.

און ניט נאָר ביי די אונטערדריקטע פעלקער איז דאָס אַזוי. דער וועלט־קריעג האָט באַוויזען, אַז אומעטום, וואו די עקזיסטענץ פון אַ פּאָלק שטעהט אין געפאַהר (אָדער וואו דאָס פּאָלק מיינט, אַז זיין עקזיסטענץ איז אין געפאַהר), און אומעטום, וואו דאָס פּאָלק האָט אַן אָרגאַניזירטען און גוט־דיסציפּלינירטען פּראָלע־טאַריאַט, פאַרבינדען זיך די אַרבייטער מיט די בורזשואַזע פּאַר־טייען, כדי אין איינעם צו פאַרטיידיגען די גאַנצקייט און אונאָב־הענגיגקייט פון זייער לאַנד.

געג. בורגין׳ס פעהלער נעהמט זיך דערפון, וואָס ער גלויבט

נאָך עד היום, אַז די מענשהייט איז איינגעטיילט נאָר אין דער ברייט, אין קלאַסען, און ניט אויך אין דער לענג, אין פעלקער. דוכט זיך איהם דעריבער, אַז אַן ארבייטער־קלאַס קאָן נאָר האָבען קלאַסען־אינטערעסען.

עס איז שוין אָבער צייט, עס זאָל קלאָהר ווערען, אַז די מענש־הייט איז איצטער נאָך איינגעטיילט ניט נאָר אין דער ברייט, אין קלאַסען, נאָר אויך אין דער לענג, אין פעלקער. דעריבער איז יעדער ארבייטער־קלאַס אַ טייל פון דעם אַלוועלטליכען פראָלעטאַריאַט און אין דער־זעלבער צייט אויך א טייל פון זיין אייגענעם פאָלק. ווי אַ טייל פון דעם אַלוועלטליכען פראָלעטאַריאַט, האָט דער אַר־בייטער פאָלק געמיינשאַפטליכע ק ל אַ ס ע ן ־אינטערעסען מיט אַלע אַרבייטער־קלאַסען פון אַלע פעלקער. אָבער ווי א טייל פון זיין אייגענעם פאָלק האָט ער געמיינשאַפטליכע נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע אינטערעסען מיט די אַלע איבריגע קלאַסען פון זיין פאָלק.

דאָס הייסט, פאַרשטעהט זיך ניט, אַז דער פראָלעטאַריאַט און די בורזשואַזיע מוזען אַלע מאָל האָבען דעמזעלביגען בליק אויף דעם, ווי אַזוי זייערע געמיינשאַפטליכע נאַציאָנאַלע פראָבלעמען זאָלען פאַרענטפערט ווערען. די פולע צונויפמישונג פון פראָלע־טאַריאַט און בורזשואַזיע אין דעם פרט איז זעהר אַ זעלטענע ער־שיינונג. בדרך כלל געהען זיך זייערע וועגען זעהר שאַרף פאַנאַנדער אַפילו דאָרטען, וואו זיי מוזעןביידע האָבען אין אויג איין און דעמ־זעלביגען ציעל: די גאַנצקייט און זעלבסשטענדיגקייט פון דעם אייגענעם פאָלק.

די פאַרשיעדענע וועגען שטאַמען דערפון, וואָס די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע פראָבלעמען קאָנען פאַרענטפערט ווערען אויף פאַר־שיעדענע אופנים, יעדער אופן איז פאַרבונדען מיט גאַנץ קאָנקרעטע פאַרשיעדענע פאָליטישע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע אינטערעסען, וואָס שפאַלטען פאַנאַנדער דאָס פאָלק אין צוויי פיינד־ליכע לאַגערען.

בדרך כלל איז די מאָדערנע בורזשואַזיע קאָנסערוואַטיוו, פיינדליך צו דעם וויטערדיגען פאָרטשריט פון דער מענשהייט. בדרך כלל איז דער פראָלעטאַריאַט רעוואָלוציאָנער און פאַרטרעט [illegible] דעם פאָרטגעשריטענסטען שטאַנדפונקט פון זיין צייט

איז דען אַ חידוש, וואָס די געמיינשאַפטליכע נאַציאָנאַלע אויפ־גאַבען פון פאָלקס־גאַנצקייט און זעלבסטשטענדיגקייט ווערען פוןביידע קלאַסען אויסגעטייטשט אויף אַ פאַרשיעדענעם אופן און רופען דערפאַר אַרויס אַ העפטיגען קלאַסען־קאַמף. אָבער אָט דער קלאַסען־קאַמף איז ניט קיין קאַמף פאַר ריינע קלאַסען־אינטערעסען, ווי צ. ב., דער געוועקשאַפטליכער קאַמף אָדער דער פּאָליטישער קאַמף פאַר דער פאַרטרעטערשאַפט אין פאַרלאַמענט. דאָס איז אַ קלאַסען־קאַמף פאַר אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסען אין דעם בריטסטען זינן פון דעם וואָרט. מעהר ניט, יעדער קלאַס שאַצט פאַרשיעדען אָפּ די אינטערעסען פון דעם גאַנצען פאָלק, לויט דעם פאַרשיעדענעם זעה־ווינקעל, וואָס ער באַניצט.

אָפּטמאָל וואַקסט אַרויס יענער קלאַסען־קאַמף ניט אַזוי פון די פאַרשיעדענע אינטערעסען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט די פאַרשיעדענע אופנים ווי צו פאַרענטפערען אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, נאָר דעם פאַרשיעדענעם פּסיכאָלאָגישען כאַראַקטער פון די קלאַסען, ווי ער האָט זיך היסטאָריש אויסגעבילדעט ביי אַ געוויסען פאָלק.

אַ ביישפּיעל פון אונזער אייגענער אידישער געגענוואַרט וועט קלאָהרער מאַכען דעם ענין.

ניט לאַנג צוריק האָט די ענגלישע רעגיערונג ערקלעהרט פאַר דער וועלט, אַז זי איז ווילּיג צו העלפען דעם אידישען פאָלק, ער זאָל באַקומען ארץ־ישראל פאַר אַ נאַציאָנאַלער היים.

דאָס איז געוועזען אַן איידעלער הומאַנער שריט. יעדער בר־דעת פאַרשטעהט אָבער, אַז פאַסירונגען פון פּאָליטישען באַדייט (און אַלץ וואָס אַן ענגלישע רעגיערונג טוט, האָט אַ פּאָליטישען באַדייט), קאָנען ניט דערקלעהרט ווערען בלויז פון דעם שטאַנד־פונקט פון איידעלקייט און הומאַניטעט. פּאָליטישע פאַסירונגען ווערען דערקלעהרט דורך פּאָליטישע אינטערעסען און דורך פּאָלי־טישע שטרעמונגען, וואָס באַוועגען די צייט.

איך וויל דאָ די פּאָליטישע אינטערעסען, וואָס האָבען גע־פיהרט צו דער ענגלישער דעקלאַראַציע, לאָזען אָן אַ זייט, ווייל איך קאָן דאָ ניט אויפהויבען דעם גאַנצען ענין אין זיין גאַנצער פּאָלי־טישער פאַרצווייגונג.

אָבער דאָס זעהט יעדער איינער איין, אַז די ענגלישע דע־קלאַראַציע שטעהט אין דער בעסטער האַרמאָניע מיט דער פּאָלי־טישער גרונד־שטרעמונג פון אונזער צייט, דעם באַשטרעבען צו פאַרשאַפען אַפילו דעם קלענסטען פאָלק אַ רעכט און אַ מעגליכקייט אויף זעלבסט־באַשטימונג.

אין דעם זין דאַרף אויפגענומען ווערען די ענגלישע דע־קלאַראַציע. זי איז אַן א י י נ ל אַ ד ו נ ג צו דעם אידישען פאָלק, ער זאָל זיך באַנוצען מיט דער געלעגענהייט און ערווערבען פאַר זיך דאָס רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג.

דאָס אידישע פאָלק וועט אָבער נאָר דעמאָלט קאָנען אין גאַנ־צען אויסנוצען זיין זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט אין ארץ־ישראל, ווען עס וועט ווערען דאָרטען אַ אידישע מאַיאָריטעט. ביז יענער צייט וועט די העכסטע פאַרוואַלטונג פון דעם לאַנד מוזען ליגען אין ניט־אידישע הענד, און די יסודות פון דער דאָזיגער פאַרוואַלטונג וועלען דאַרפען באַשטימט ווערען פון דער פריעדענס־קאָנפערענץ.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אָט די העכסטע פאַרוואַלטונג דאַרף, לויט דער אינגוועניגסטער לאָגיק פון דער זאַך, שטעהן אין האַר־מאָניע מ י ט ד ע ם ו ו י ל ע ן פ ו ן ד ע ם א י ד י ש ע ן פ אָ ל ק, פאַר וועלכען עס ווערט געבויט אַ נאַציאָנאַלע היים.

די ענגלישע דעקלאַראַציע איז דערמיט גופא אַן איינלאַדונג צו דעם אידישען פאָלק, ער זאָל אַרויסזאָגען זיין ווילען בנוגע צו יענע פונקטען פון דעם ענין, וואָס דאַרפען אַריינגעפיהרט ווערען אין לעבען ניט פון דעם אידישען פאָלק, נאָר פון דער פ ר י ע־ד ע נ ס ־ ק אָ נ פ ע ר ע נ ץ, אָבער — לויט דעם ווילען פון דעם אידישען פאָלק.

פאַר דעם אידישען פאָלק, פאַר אַלע זיינע קלאַסען, איז דערמיט אוועקגעשטעלט געוואָרען אַן א י נ ה י י ט ל י כ ע נ אַ צ י אָ־נ אַ ל ע א ו י פ ג אַ ב ע: צו באַשטימען די פרינציפען, לויט וועלכע די פריעדענס־קאָנפערענץ זאָל אוועקלעגען דעם פונדאַמענט פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל. די ענט־פערס אויף דער אויפגאַבע האָבען אַ שייכות צו דעם גאַנצען פאָלק, ניט נאָר צו אַ וועלכען עס איז קלאַס. און פון דעסטוועגען זיינען די ענטפערס אויסגעקומען אַזוי פאַרשיעדען, אַז דער פּראָלעטאַרישער

און דער בורזשואַזער ענטפער האָבען זיך געמוזט פאנאנדערגעהן אין צוויי פאַרשיעדענע וועגען.

דער בורזשואַזער ענטפער איז אַרויסגעבראכט געוואָרען פון די אַלגעמיינע ציוניסטען מיט הערדען פראָפ. ח. וויצמאַן בראש. ער וויל האָבען, אַז עס ליעגט אין די אינטערעסען פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק, ארץ־ישראל זאָל אַוועקגעשטעלט ווערען אונטער אַ פּראָטעקטאָראַט פון אַן איין־איינציגער מאַכט. וועגען דעם, צי ארץ־ישראל זאָל זיין אַ זעלבסט־שטענדיגער שטאַאַט, אָדער געהערען צו אַן אנדערען, ווערט גרינגד־ליך געשוויגען, און דאָס גופא ליעגט שוין אַרויף אַ חתימה אויף די ליפען בנוגע דער רעגיערונגס־פאָרם אין ארץ־ישראל, צי דאָס זאָל זיין אַ רעפּובליק אָדער אַ מאָנאַרכיע.

דער פּראָלעטאַרישער ענטפער איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען פון אַ קאָנגרעס, אויף וועלכען עס זיינען זיך צונויפגעקומען געוויסע טיילען פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט, וואָס גלויבען, אַז דער אידישער אַרבייטער־קלאַס מוז ערנסט אויפנעהמען דעם אָנבאָט פון דער ענגלישער רעגיערונג.

דער ענטפער זאָגט, אַז עס ליעגט אין די אינטערעסען פון דעם אידישען פאָלק, ארץ־ישראל זאָל זיין אַ נייטראַלע מדינה. און דעריבער דאַרף דער פּראָטעקטאָראַט אויף דעם לאַנד איבערגעגעבען ווערען ניט צו איין מאַכט, נאָר צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע, באַשטימט פון דער פעלקער־ליגע, אויב אַזאַ פעלקער־ליגע זאָל געגרינדעט ווערען.

דער פּראָלעטאַריאַט האָט אויך קיין ברעקעל גרונד ניט צו פאַרשווייגען די פראַגע וועגען דער אונאבהענגיגקייט און זעלבסט־שטעדיגקייט פון דעם אידישען שטאַאַט אין ארץ־ישראל. און ניט נאָר האָט ער קיין ברעקעל גרונד ניט צו פאַרשווייגען דעם ענין, נאָר עס ליעגט אויף איהם דער אָפענער חוב, צו רעדען וועגען דעם קלאָהרע דיבורים.

אויב ארץ־ישראל זאָלט ניט בלייבען ביי דעם טערק — וואָס וועגען דעם פאַל ווערט גאָר ניט גערעדט — און אויב דאָס לאַנד זאָל ניט זיין זעלבסטשטענדיג, וועט עס מוזען אָפגעריסען ווערען פון דער טערקיי און צוגעהעפט ווערען צו אַ וועלכען־עס־איז אנדער

פאָלק — אַ ריינער פאַל פון אַנעקסיע, וואָס קאָן דורך קיין זאַך ניט ווערען גערעכטפּערטיגט. די אידישע אַרבייטער האָבען גע־מוזט דעריבער אַרויסשטעלען די פאָדערונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק, אַ נייטראַלע, זעלבסטשטענדיגע ארץ־ישראל.

עס איז אויך קלאָהר, אז דערביי האָט ניט געטאָרט פאַרשווייגען ווערען די סאָציאַליסטישע שטעלונג צו דער רעגיערונגס־פאָרם: דאָס אַבסאָלוטע צוריקווייזונג פון אַ אידישער מאָנאַרכיע.

אָט די שטעלונג פון דעם אידישען אַרבייטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל איז זעהר ניט געפעלען געוואָרען דעם וואָרט־פיהרער פון דער בורזשואַזער ציוניסטישער פרעסע, דעם רעדאַקטאָר פון דער „דזשואיש קראָניקל”.

אין אַ לייט־אַרטיקעל פון דעם 14טען יוני שפּריצט ער גיפט און גאַל אַנטגעגען די רעזאָלוציעס פון דעם קאָנגרעס. וואָס זיינען זיינע מאָטיווען?

„די סיטואַציע”, זאָגט ער, „איז, מחמת טעמים, וואָס יעדער אינטעליגענטער לעזער קאָן לייכט פאַרשטעהן, אַזוי דעליקאַט, אַז קיין פאַראַנטוואָרטליכער איד, ציוניסט אָדער ניט, קאָן זיך ניט ערלויבען צו באַהאַנדלען עפענטליכע פראַגען אויף דעם אופן, ווי זיי זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען אויף דעם אַזוי גערופענעם אַר־בייטער־קאָנפערענץ פאַר ארץ־ישראל... דער ענגלישער חיל האָט מיט דער הילף פון פראַנצויזישע און איטאַליענישע טרופּען איינגענומען פּאַלעסטינא, און דאָס לאַנד איז איצטער אין ענגלישען באַזיץ. די בריטישע רעגיערונג איז געווען גענוג גרויסמוטיג און איידעל־הערציג, צו פאַרזיכערען דאָס אידישע פאָלק, אַז זי וועט איהם העלפען אויפבויען אַ אידישע היימאַטלאַנד אין פּאַלעסטינא. און ווען אַ אידישע קערפּערשאַפט קומט איצטער אַרויס צו דיקטירען ענגלאַנד, וואָס פאַר אַן אַרט אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע פּאַלעס־טינא זאָל אָננעהמען אין דער צוקונפט און ווי זי זאָל רעגיערט ווערען, איז דאָס ניט נאָר נאַריש, נאָר אויך טאַקטלאָז ביז צום עקסטרעם.”

וועלכע א י נ ט ע ר ע ס ע ן פון דער אידישער בורזשואַזיע ווערען דאָ פאַרטראָטען? קיינע ניט. עס איז ניטאָ ביי דעם אי־דישען פאָלק קיין איין גרופּע, וועמעס אינטערעסען עס זאָלען געהן

להיפך צו דער פאָדערונג פון אַ זעלבסטשטענדיגער נייטראַלער אי־דישער רעפּובליק מיט אַ דערוויילינגען אינטערנאַציאָנאַלען פּראָ־טעקטאָראַט.

אין דער געבראַכטער ציטאַטע ווערען אָפּגעשפּיגעלט ניט די אינטערעסען פון דער אידישער בורזשואַזיע, נאָר איהר היסטאָריש אויסגעוואַקסענער פּאָליטישער כאַראַקטער: די האָזענאַרטיגע נאַטור איהרע, איהר הכנעה׳דיג שטעהן אָהן א היטעל פאַר׳ן פּריץ, איהר מורא צו עפענען דאָס מויל אַפילו יעמאָלט, ווען זי איז זיכער, אַז זי שטעהט פאַר אַ גרויסמוטיגער און איידעל־האַרציגער רעגיע־רונג, וואָס האָט קיין אַנדערע ציעלען ניט אין זינען, ווי נאָר — ווי אַם בעסטען צו פאַרענטפערען די אידישע פראַגע, לויט דעם ווילען פון דעם אידישען פאָלק.

אין איהרע באַציהונגען צו אַ מעכטיגער רעגיערונג וויים די אידישע בורזשואַזיע נאָר איין כלל: חנפה׳נען און אונטערלעקען זיך; דאָס רופט זי פּאָליטישען טאַקט. און אין איהר אומגע־לומפּערט בערישער טאַקטישקייט, אין איהר עקעלהאַפטער חניפה באַמערקט זי אַליין ניט, ווי זי וואַרפט ארויף אַ חשד אויף אַ רע־גיערונג, אין וועמעס גרויסמוט און איידעלהאַרציגקייט זי צווייי־פעלט ניט — אַז יענע מיינט גאָר אפשר ניט די אינטערעסען פון דעם אידישען פאָלק, נאָר האָט פשוט אין זינען — אַנעקסירען פּאַלעסטינא צו דער בריטישער אימפּעריע.

די אידישע אַרבייטערשאַפט דאַרף פאַר קיינעם ניט שטעהן מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און מיט דער היטעל אונטערן אָרים. זי ווענדעט זיך ניט נור צו די רעגיערונגען; זי איז א טייל פון דעם אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט, צו וועלכען עס געהערט אויך דער ענגלישער אַרבייטער־קלאַס, איצטער דער מעכטיגסטער פאַק־טאָר אין דער ענגלישער פּאָליטיק. זי בויט איהרע האָפנונגען אין דער ערשטער ליניע אויף דער הילף פון דעם אַלוועלטליכען פּראָלע־טאַריאַט, און זי וויים, אַז קיינער קאָן אויף איהר קיין פאַראיבעל ניט האָבען, ווען אין אַ פּאָליטישער פראַגע רעדט זי קלאָהרע פּאָ־ליטישע רייד.

פון דעם ביישפּיעל וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט, זעהט מען אַם בולטסטען, אַז בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט פון אַ פאָלק

קאנען האבען דיזועלבע נאציאנאלע אינטערעסען; פאר זיי קאן שטעהן איין־און־דיזועלביגע נאציאנאלע אויפגאבע, וואס מוז פארענטפערט ווערען — אין אלעמענס אינטערעסען — אויף איין־און־דעמזועלבען שטייגער, און פון דעסטוועגען זאלען די וועגען פון בורזשואזיע און פראלעטאריאט זיך מוזען פאנאנדערגעהן אין צוויי פארשיעדענע פיינדליכע ריכטונגען.

אזוי איז דאס אפט אין דעם פאליטישען לעבען פון אונזער צייט, אבער אזוי מוז דאס ניט זיין. עס זיינען מעגליך פעלען — ווי דער פאל פון א פאלקס־אויפשטאנד פאר זיין פרייהייט — וואו אלע קלאסען פון דעם פאלק — דער פראלעטאריאט אריינגערעכענט — האבען איין ציעל און איין וועג. און דער איין ציעל איז ניט סאציאליזם, נאר פאלקס־פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט; און דער וועג איז ניט דער קלאסען־קאמף, נאר די פאראייניגטע אקציאן פון אלע פאלקס־טיילען.

אבזאגען זיך פון דעם ציוניזם נאר דערפאר, וואס מיר זיינען די פארטיי פון דעם ארבייטער־קלאס, וועמענס איינציגער צוועק איז סאציאליזם און וואס דער איינציגער וועג צו אהם איז דער קלאסען־קאמף, הייסט ווידער אמאל — באהאנדלען א גרויסען פרינציפ אויף א ריינעם שולחן־ערוך אופן, פארגעסען אויף דעם „סעיף־קטן”, פארגעסען אין גאנצען, אז ניט דאס פאלק איז צוליעב דעם סאציאליזם אויף דער וועלט, נאר דער סאציאליזם איז אויף דער וועלט צוליעב דעם פאלק, צוליעב דעם גליק, דער פרייהייט און דער זעלבסטשטענדיגקייט פון זיינע קינדער.

און איבערלאזען די אויפגאבען פון פרייהייט און נאציאנאלע זעלבסטשטענדיגקייט אין די הענד פון דער בורזשואזיע בלויז דערפאר, ווייל עס איז ניט אונזער ארבייט, ווייל מיר באשעפטיגען זיך נאר מיט סאציאליזם און קלאסען־קאמף, טאר מען אודאי ניט.

די בורזשואזיע, פון קיינעם ניט געשטערט און ניט געקאנטראלירט, וועט פארענטפערן יענע העכסט וויכטיגע לעבענס־פראבלעמען פון א פאלק אין איהר זין, לויט איהרע אינטערעסען, לויט איהר פסיכאלאגישען כאראקטער און אנשויאונגען.

אויף אזא אופן וועט אויסקומען, אז מיר וועלען אין דעם

נאָמען פון דעם קלאַסען־קאַמף אַנטגעגען דער בורזשואזיע, באַפּעס־מיגען די קלאַסען־העררשאַפט פון דער בורזשואַזיע איבער אונז.

---

5

# די מעגליכקייט'ס פראַגע

די גרעסטע צאָהל פון די ארץ־ישראל געגנער איז מודה, אז אויב עס וואָלט מ ע ג ל י ך געווען אויפצובייען אין יענעם לאנד א נאציאָנאלע היים פאַר'ן אידישען פאָלק, וואָלט די אידישע אר־בייטער־שאפט נעדארפט אויפנעהמען די פראגע אין איהר גאנצער ברייט און טיעף.

די צרה מיט דעם ציוניזם — זאָגען די געגנער — איז נאָר, וואָס א ניכטערער פאָליטישער דענקער קאָן ניט איינזעהן אפילו א שיין פון אַזאַ מעגליכקייט. עס האָט זיך אין דער פראַגע קיין זאַך ניט געביטען. ווי דער ציוניזם איז געווען א פאנטאַסטישער חלום אַזוי איז ער דאָס אויך איצטער.

די נפקה מינה צווישען די ציוניסטישע קרייזען און די אַר־בייטער־קרייזען אין דער פראַגע באַשטעהט — מיינען זיי — אין דעם, וואָס יענע, די ציוניסטען פון אלערליי שאטירונגען, זיינען פאַר'שיכור'ט געוואָרען פון א פאָר פראזען פון אַ פּאָר איינפלוס־רייכע דיפלאָמאַטען, און פאַר זייערע שיכור'ע אויגען טאנצט שוין אַ פאַרטיגע אידישע מלוכה, בעת דער ניכטערער שכל פון דעם אר־בייטער־קלאַס זעהט די זאכען, ווי זיי זיינען, און די „זאכען" זיי־נען בנוגע דעם ציוניזם אקוראַט אזוי אונמעגליך ווי געוועזן.

לאָמיר זיך אַביסעל אָבשטעלען אויף דער טענה.

די געגנער פון דעם ציוניזם וועלען גאַנץ זיכער אַליין מודה זיין, אַז די „אונמעגליכקייט" פון דעם ציוניסטישען אידעאל איז ניט קיין לאָגישע, ניט קיין פיזישע, ניט קיין טעכנישע, אַפילו ניט קיין עקאָנאָמישע, נאָר אַ ה י ס ט אָ ר י ש ע.

לאָגיש, פּיזיש, טעכניש און עקאָנאָמיש געגומען, קאָן ניט נאָר ארץ־ישראל איינגעבויט ווערען פאַר'ן אידישען פאָלק און דורכ'ן אידישען פאָלק, נאָר אפילו דער זאַמד־מדבר סאַבארא קאָן באַוואַסערט ווערען, באַוועלדערט ווערען און פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ גן־עדן פאַר צעהנדליגער מיליאָנען מענשען.

לויט דער איצטיגער וויסענשאַפט, לויט די צויבער־מיטלען פון דער איצטיגער טעכניק, קאָן י ע ד ע ס לאַנד, אפילו דאָס וויסטעסטע, פאַרבעסערט ווערען אַזוי, אַז מענשען זאָלען בכבוד קאָנען ציהען זייער חיונה פון איהם.

פאַר וואָס־זשע איז די קאָלאָניזירונג פון דעם מדבר סאַכאַ־ראַ אַן אוטאָפּיע? ווייל דאָס איז איצטער אַ ה י ס ט אָ ר י ש ע אונמעגליכקייט, ווייל איצטער זיינען נאָך ניטאָ יענע היסטאָרישע כחות, יענע מ ע נ ש ל י כ ע ו ו י ל ע נ ס, וואָס זאָלען זיין פאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס זאָלען זיך באַוואוסטערהייד נויטיגען אין דעם, און וואָס זאָלען קאָנען ארויסברייננגען זייער וואונש מכוח אל הפועל.

אָט אַזאַ היסטאָרישע אונמעגליכקייט — מיינען די געג־נער — איז אויך דער ציוניזם.

איך בין אויך מסכים, אַז ביז גאָר ניט לאַנג צוריק איז דער ארץ־ישראל געדאַנק נאָך זעהר ווייט געוועזען פון צו זיין אַזאַ היסטאָרישע און פּאָליטישע מעגליכקייט. אָבער קאָן מען דען זאָגען, אַז ער געפינט זיך נאָך אַלץ אין דער זעלבער לאַגע?

קאָן איך דען זאָגען, אַז עס זיינען נאָך אַלץ ניטאָ קיין גע־זעלשאַפטליכע פאַקטאָרען, וואָס זאָלען זיין פאַראינטערעסירט אין זיין פאַרווירקליכונג און וואָס זאָלען ווירקען ווי היסטאָרישע כחות? אַז אין דעם פּרט האָט זיך גאָר נישט ניט איבערגע־ביטען אין דער צייט פון דעם איצטיגען קריעג?

מיר דוכט זיך, אַז אַ בלינדער וואָלט מיט די פינגער גע־קאָנט אָנטאַפּען די גרויסע ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען מיט דעם גורל פון דעם ציוניזם אין דער לעצטער צייט.

ביז צו דעם קריעג איז ער געוועזען ניט מעהר ווי אַן אידע־אַל פון אַ לפי ערך זעהר קליינעם טייל פון אונזער פאָלק. איצטער איז ער ניט ו ו ע נ י ג ע ר, ווי אַ פראַגע פון דער מאָדערנער

אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק וואָס איז אויפגענומען געוואָרען אויף איהר טאַגעס־אָרדנונג.

וויכטיגע געזעלשאַפטליכע קרעפטען זיינען פּאַראינטערע־סירט געוואָרען אין דער פּאַרווירקליכונג פון דעם ציוניזם — דאָס איז ד אָ ס נ י י ע, דאָס ה י ס ט אָ ר י ש א ו מ ד ע ר־ו ו א ר ט ע ט ע, וואָס איז פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען פון דער מאָדערנער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. פּאָליטישע מאַכט־פאַקטאָ־רען, ווי ענגלאַנד און די מיט איהר פּאַרבונדענע שטאַטען, גרויסע און ברייטע שיכטען פון דעם אידישען פאָלק האָבען איינגעזעהן, אז עס ליגט אין זייערע אינטערעסען, אין ארץ־ישראל זאָל אויפ־געבויט ווערען אַ אידישע נאַציאָנאַלע היים. מיט דעם גופא איז פאַרשוואונדען געוואָרען די היסטאָרישע אונמעגליכקייט פון דעם געדאַנק; מיט דעם גופא האָט דער געדאַנק באַקומען ניט נאָר אַ שיין פון מעגליכקייט. ער איז געוואָרען ז ע ה ר ו ו א ה ר־ש י י נ ל י ך און דערפאַר ווערט ער אויפגענומען אויף דער טאַגעס־אָרדנונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס האָט ניט ליעב זיך אָבצוגעבען מיט וויסטע ראָמאַנטישע חלומות.

כדי בעסער אָבצושעצען די אומגעהויערע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער לאַגע פון דעם ציוניזם, איז גוט צו האָבען אין אויג, אז דער ציוניסטישער געדאַנק איז ניט קיין נייעס אין דער מאָדערנער פּאָליטיק.

דער „פאָטער" פון דעם געדאַנק צו קאָלאָניזירען ארץ־ישראל מיט אידען איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דער געניאַלער פּאָ־ליטיקער, נאַפּאָלעאָן דער ערשטער. אָנגענומען האָט איהם אויך אַזאַ ערנסטער שטאַטס־מאַן, ווי דער רוסישער דעקאַבריסט פּעס־טעל, און געגלויבט אין איהם האָט אויך דער גאון אין דער איי־ראָפּעאישער דיפּלאָמאַטיע, לאָרד ביקאָנספיעלד־דיזראַעלי.

פאַר וואָס האָט אָבער אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָן גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגען דער פערווירקליכונג פון ציוניזם? פאַר וואָס איז ער ביז גאָר דער לעצטער צייט געשטאַנען מחוץ פון דער היסטאָרישער מעגליכקייט?

אין נאַפּאָלעאָן׳ס צייטען האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגען איהם, ווייל ניט דאָס אידישע פאָלק און ניט די אייראָ־פּעאיישע דיפּלאָמאַטיע זיינען ניט געווען מסוגל אויפצונעהמען איהם.

דאָס אידישע פאָלק האָט אין יענער צייט גאָר ניט געקאָנט טראַכטען וועגען אַזאַ ענין, ווייל עס האָט נאָך ניט געקאָנט ר ע נ ק ע ן רעאַל פּ אָ ל י ט י ש. זיין נאַציאָנאַלער גע־דאַנק האָט זיך אַרומגעטראָגען הינטער די וואָלקענס פון יענע־וועלטיגע מיסטישע משיח־האָפנונגען און האָט ניט דערוואַרט קיין איין ברעקעל ממשות׳דיגע הילף פאַר זיין גאולה פון די רעאַלע פּאָליטישע פאַקטאָרען.

און ווען אַפילו מיר וואָלטען יעמאָלט געקאָנט אויפנעהמען אונזער בעפרייאונגס־פּראָבלעם אין זיין ערדישער געשטאַלט, אין זיין ד י־וועלטיגער פּאָליטישער רעאַליטעט, וואָלט זיין פערווירק־ליכונג געווען פאַר אונז אַ רעאַלע אונמעגליכקייט: מיר וואָלטען ניט געהאַט די כחות דערצו. אונז וואָלטען געפעהלט די דריי נויטיגסטע פאַקטאָרען: ק אַ פּ י ט אַ ל, ו ו י ס ע נ ש אַ פ ט, אַ ר ב י י ט.

אידיישער ק אַ פּ י ט אַ ל, אידיישער רייכטום האָט אין נאַפּאָלעאָן׳ס צייטען זיך ערשט אָנגעהויבען צו זאַמלען. די ראָטה־שילדס האָבען ערשט אין די נאַפּאָלעאָנישע קריגען גענומען אַריינ־געהן אין די רעכטע פעדערען — און ביי דעם וויכטיגסטען טייל פון אונזער פאָלק — ביי די יעמאָלט׳דיגע מזרח־אייראָפּעאישע אידען — האָט זיך דער דלות ברייט צולעגט אַפילו ביי זיינע מיטעלערע שיכטען.

די ו ו י ס ע נ ש אַ פ ט איז נאָך געלעגען אין חרם גראָד דערפאַר, ווייל מען האָט נעציטערט פאַר איהר מאַכט צו צו־שטערען די יענע־וועלטיגע, מיסטישע האָפנונגען אין אַ איבערנאַ־טירליכען משיח.

און די אידישע אַ ר ב י י ט איז דעמאָלט נאָך גאָר ניט געבאָרען געוואָרען.

אָבער אויך דער דיפּלאָמאַטיע האָט דער ארץ־ישראל גע־דאַנק — ניט דעמאָלט און ניט נאָך אַ סך שפּעטער — ניט געקאָנט ליגען אפילו אין דער לינקער פאה.

דער געדאַנק אַריינצוציהען דעם גאַנצען דרום־מערב פון אזיע — אינדיע, פּערסיע און אַראַביע — אין דעם שטראָם פון דעם מאָדערנעם אייראָפּעאישען אינדוסטריעלען און קאָמערציעלען פראָגרעס און אויסצונוצען ארץ־ישראל, ווי אַן אָפּעראַציאָנס באַזע פאַר דער ענטוויקלונג פון דעם אייראָפּעאיזם אין יענע מזרח־לענדער, האָט געקאָנט אויפקומען נאָר אין אייניצעלנע גענִיאַלע מוחות: דער קאַפּיטאַליזם האָט נאָך געהאַט גענוג פּלאַץ אין די אַלטע לענדער, און וועגען אַן ערנסטע אויסברייטונג אין יענער ריכטונג האָט ער ניט געטראַכט.

אויך די אידישע פּראַגע, וואָס איהר לעזונג איז פאַרבונדען מיט דעם ארץ־ישראל פּראָבלעם און וואָס האָט זיך שוין ערנסט געלאָזט פיהלען אין ביקאָנספיעלד׳ס צייטען, האָט נאָך ניט גע־קאָנט צווינגען די הערשענדע דיפּלאָמאַטיע, זי זאָל ארויפּגענומען ווערען אין איהר גאַנצער גרויס אויף דעם צעטעל פון די אינ־טערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

קודם האָט מען זי אַלע מאָל באַטראַכט פאַר אַן א י נ ע־ו ו ע נ י ג ס ט ע פראַגע פון יענע לענדער, אין וועלכע די אידען וואוינען. העכסטענס האָט מען געקאָנט, א י ן פ אַ ל פ ו ן נ ו י ט, אַריימישען זיך אין די אינעווענינסטע אנגעלעגענהייטען פון אַ פרעמדען לאַנד, ווי דאָס איז געווען אויף דעם בערלינער קאָנגרעס פון 1878 בנוגע די רומענישע אידען.

און דערצו האָט די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק אין יענע צייטען שוין געהאַט אַן ענטפער אויף דער אידישער פראַגע: דעם ענטפער, וועלכען די ליבעראַלע אידישע בורזשואַזיע האָט אויס־געאַרבייט נאָך אין דעם סוף פון אַכטצעהנטען יאָהר הונדערט.

אידען — האָט יענער ענטפער געזאָגט — וועלען ווי אַ נאַציע פאַרשווינדען. זיי וועלען בלייבען, נאָר ווי אַ רעליגיעזע גרופּע, און די גאַנצע אידישע פראַגע קאָן געלעזט ווערען ניט

אנדערס, ווי נאָר דורך געוויסענס־פרייהייט און בירגערליכע גלייכ־באַרעכטיגונג — אַלץ זאַכען, אין וועלכע די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק האָט ניט געהאַט וואָס זיך אַריינצומישען.

אויף אַזאַ אופן איז ניט אין דער אידישער וועלט, ניט אין דער פּאָליטישער וועלט, ניט געווען קיין איינציגע ערנסטע היס־טאָרישע קראַפט, וואָס זאָל האָבען געקאָנט אוועקשטעלען דעם ציוניזם אויף דער טאַגעס־אָרדנונג פון דער רעאַלער צווישען פעל־קערליכער פּאָליטיק.

פאַרגלייכט איצטער מיט דעם די וואָגיגע ענדערונגען, וואָס זיי־נען פאָרגעקומען אין די אַלע פּרטים.

די אידישע וועלט, — איך מיין, דער עיקר, די מזרח־אייראָפּע־אישע, — האָט אין דער צווייטער העלפט פון דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט דורכגעמאַכט אַ קאָלאָסאַלע אינווענינגסטע רעוואָלו־ציע... צ ו ו י י רעוואָלוציעס.

איינע, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען פון דעם קרימער קריעג און דעם אַרויפגעהן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען אויפ׳ן טראָן (1855), און די אַנדערע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען תיכּף נאָך דעם בערלינער קאָנגרעס פון 1878 מיט דעם אומדערוואַר־טעטען אויסברוך פון דעם א נ ט י ס ע מ י ט י ז ם אין דייטש־לאַנד און אונגאַרן און די פּאָגראָמען אין די 80־ער יאָהרען אין רוסלאַנד.

דער ערשטער פּעריאָד — דער פּעריאָד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטענס הערשאַפט — האָט באַפעסטיגט די מאַכט פון דער מאָדערנער אייראָפּעאישער בילדונג ביים אידישען פאָלק. עס זיינען אונטערגעגראָבען געוואָרען די וואָרצלען פון דעם גלויבען אין אַן איבערנאַטירליכער גאולה. דער איד האָט זיך אויסגע־לערענט צו דענקען אין דער טערמינאָלאָגיע און אין די באַגריפען פון אַ מאָדערנער, די־וועלטיגער רעאַלער פּאָליטיק.

ערשט אין דעם פּעריאָד פון דער אידישער געשיכטע, ווען די יענע־וועלטיגע דאגות האָבען אויפגעהערט צו באַהערשען די מוחות פון דעם פאָלק, האָט געקאָנט אַראָפּגענומען ווערען דער

חרם, וואָס איז געלעגען אויף דעם פרייען געדאַנק. עס האָט זיך, ביי אונז אָנגעהויבען די עפּאָכע פון „השכלה", פון בילדונג, און עס איז אַוועקגעלעגט געוואָרען דער פונדאַמענט פאַר די באַטייליגונג פון'ם אידישען פאָלק אין דעם וויסענשאַפטליכען שאַפען.

אין דעמזעלביגען פעריאָד זיינען אויך פון גרונד אויס פאַרענדערט געוואָרען די יסודות פון דעם עקאָנאָמישען לעבען. ריכטיגער געזאָגט: עס זיינען אין דעם כאַאָס פון דעם אידישען עקאָנאָמישען לעבען פון שטויב און לופט אַוועקגעלעגט געוואָרען די י ס ו ד ו ת פון האַנדעל און מלאכה, די יסודות פון אַ מאָדערנער פּראָדוקטיווער טעטיגקייט.

עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרען די ברויט־„טאָרבע" — דאָס איינציגע פּראָדוקציאָנס־מיטעל פון די אידישע מאַסען — וואָס איז אַזוי „באַזונגען" געוואָרען פון מענדעלי מוכר ספרים. אנשטאָט דער ברויט־טאָרבע האָט זיך געגומען ענטוויקלען דער געלד־זאַק.

און ניט נאָר אין רוסלאַנד אַליין. אומעטום אין אייראָפּאַ זיינען די זעכציגער און די זיעבענציגער יאָהרען געווען די יאָהרען, ווען דער אידישער קאַפּיטאַל האָט גענומען אָנוואַקסען אין ריעזיגע מאָסען: דערהויפּט די ז י ע ב ע צ י ג ע ר, מיט זייער פיעבערהאַפטער ענטוויקלונג פון אַלערליי ספּעקולאַציעס און באַנקגעשעפטען.

אָבער די ענטוויקלונג פון דעם אידישען קאַפּיטאַל אין די זיעבעציגער יאָהרען — דעם „גרינדערישען", ספּעקולאַטיווען, באַנקאון־בערזען־קאַפּיטאַל — האָט אויך על פּי נויטווענדיגקייט אַרויסגערופען די וויכטיגסטע ערשיינונגען אין אונזער אידישער נייצייטליכער געשיכטע: דעם מאָדערנעם, אַלוועלטליכען, ריין־ עקאָנאָמישען אַ נ ט י ס ע מ י ט י ז ם, וואָס האָט בעשאַפען אַ נייע אָנגעוועהטאָגטע צ י י ט־פראַגע, און האָט זי אַוועקגעשטעלט אין איין שורה מיט די איבעריגע צייט־פּראָבלעמען פון דעם מאָדערנעם איירָאָפּעאישען לעבען: דער פרויען־פראַגע, דער ארבייטערפראַגע, דער סאָציאַלער פראַגע, דער נאַציאָנאַלער פראַגע: די ווי אַ ביטערע ציבעלע דערעסענדע „א י ד י ש ע פ ר א ג ע."

די אַכציגער און נײנציגער יאָהרען פון דעם פאָריגען יאָהר־הונדערט זײנען שוין געשטאַנען דורכאויס אונטער דעם שיקזאַל־שווערען צײכען פון דעם אַנטיסעמיטיזם מיט זײנע פיזישע און מאָראַלישע פאָגראָמען אומעטום אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, און אָט אין די יאָהרען איז געבוירען געוואָרען און דורכגעפיהרט געוואָרען די צווייטע ג ר ע ס ט ע רעוואָלוציע אין אונזער גלות־געשיכטע: עס איז געבוירען געוואָרען ד י א י ד י־ש ע אַ ר ב י י ט, דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און אין איינעם מיט איהם, — ווען אפילו אונאַבהענגיג פון איהם, — דער נייער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער געדאַנק: דער ווילען צו אַן אייגענער אידישער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער עקזיסטענץ.

דערהויפּט האָבען זיך די פּראָצעסען בולט ארויסגעוויזען אין רוסלאַנד, וואו דאָס רוב פון דעם אידישען פאָלק האָט געלעבט, און וואו די רעגיערונג האָט דעם אַנטיסעמיטיזם געמאַכט פאַר דער צענטראַל־אַקס פון איהר גאַנצער אינוועניגסטער פּאָליטיק.

די אַכציגער און די נײנציגער יאָהרען אין רוסלאַנד ביז צו דער ערשטער רעוואָלוציע, איז די צייט פון דער ענטוויקלונג פון דעם אידישען קאַפּיטאַל, דער אידישער בילדונג און דער אידישער רעוואָלוציאָנערער ארבייטערשאַפט און אין דערזעלביגער צייט איז דאָס די עפּאָכע, ווען דאָס גאַנצע קאָנסערוואַטיווע רוסלאַנד מיט דער צארישער רעגיערונג בראש, ווענדט אָן איהר גאַנצע מאַכט, כדי צו באקעמפען דעם אידישען קאַפּיטאַל, די אידישע בילדונג און די אידישע רעוואָלוציאָנערע ארבייטערשאַפט.

גראָד דער רוסישער אַנטיסעמיטיזם — דער קאָנסעקווענט־סטער פון אַלע — האָט קלאָר אַרויסגעבראַכט זיין אינוועניגסטען, ריין נאַציאָנאַלען תוך.

מען האָט אונז פאַרפאָלגט ניט דערפאַר, וואָס מיר זיינען פון אַ פרעמדען גלויבען: דער אַנטיסעמיטיזם האָט ניט געשאַנעוועט אויך דעם גע׳שמד׳טען.

ניט דערפאַר, וואָס מיר איזאָלירען זיך פון דער ארומיגער וועלט און ווילען זיך ניט „אַסימילירען”: מיר האָבען זיך אריינ־

געוואָרפען אין דעם רוסישען אַסימילאַציאָנס־קעסעל ראַדיקאַלער, איידער דאָס האָבען געטאָן אַלע אַנדערע ניט־רוסישע פעלקער;

ניט דערפאַר, וואָס מיר זיינען „פינסטערלינגע און פאַנאַטי־קער": מיר האָבען געגעבען א לפי־ערך גרעסערען פראָצענט פון אינטעליגענץ און אַרבייטער אויף די וויסענשאַפטליכע גע־ביעטען, איידער אַלע אַנדערע פעלקער, דאָס גרויס־רוסישע ניט אויסגעשלאָסען;

ניט דערפאַר, וואָס מיר ווילען לעבען נאָר פון ריוח און „מעהר־ווערט": אויף דעם עקספּלאָאַטירטען אידישען אַרבייטער, וואָס לעבט פון זיין אייגענער אַרבייט, האָט מען ניט געקוקט מיט פריינדליכערע אויגען, איידער אויף דאָס גאַנצע אידישע פאָלק.

מען האָט אונז פאַרפאָלגט דערפאַר, וואָס אונזער נ א צ י אָ־נ א ל ע ע נ ע ר ג י ע — א שטאַרקערע איידער די נאַציאָנאַלע נערגיע פון די אַנדערע פעלקער — וואָס אונזער נאַציאָנאַלע ענער־גיע אין האַנדעל און אין אינדוסטריע, אין בילדונג און וויסענ־שאַפט, אין מלאכה און לוין־אַרבייט האָט זיך צונויפגעשטויסען מיט די נאַציאָנאַלע ענערגיען פון די אַנדערע פעלקער און האָט אַרויסגערופען א מעכטיגען ווידערשטויס אַנטגעגען זיך.

וואָס פאַר א ראָליע דער רוסישער אַנטיסעמיטיזם האָט גע־שפּיעלט אין דעם שיקזאַל פון דער גאַנצער רוסישער אינווע־ניגסטער ענטוויקלונג, דאָס זאָל דערצעהלען דער רוסישער היס־טאָריקער.

דער אידישער היסטאָריקער וועט אָבער שוין, אַז אין דעם פייערדיגען האַס פון דעם רוסישען אַנטיסעמיטיזם, אונטער די וואָגיגע האַמערשלעג פון די פאַרפאָלגונגען אַנטגעגען דעם אידי־שען קאַפּיטאַל, דער אידישער בילדונג און דער אידישער אַר־בייטערשאַפט האָט זיך גענומען שמיעדען דער ווילען פון דעם אידישען פאָלק צו אַן אייגענער פרייער עקזיסטענץ.

אויף אַזאַ אופן איז דאָס אידישע פאָלק מסוגל געוואָרען אויפצונעהמען דעם ציוניסטישען געדאַנק, ווען דער יום הדין אויף די אונטערדריקטע פעלקער איז געקומען מיט דעם איצטיגען וועלט־

קריעג. מיר זיינען מסוגל געוואָרען דערפאַר, ווייל אין אונז זיינען אָנגעוואַקסען געוואָרען די כוחות, וואָס זיינען נויטיג פאַר דער פאַרווירקליכונג פון דעם אידעאַל (קאַפּיטאַל, וויסענשאַפט, ארבייט) און ווייל דער ו ו י ל ע ן צו איהם וואַקסט פון טאָג צו טאָג, אַלץ מעהר און מעהר אָן אין אַלע שיכטען פון אונזער פאָלק: דער בורזשואַזיע, דער אינטעליגענץ, דעם ארבייטער־קלאַס.

אָבער אויך די מאָדערנע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק איז אין דעם איצטיגען קריעג מסוגל געוואָרען ערנסט צו פאַרהאַנדלען דעם ציוניסטישען פּראָבלעם.

אויך זי האָט גענומען באַגרייפען, אַז דער אַל־וועלטליכער אַנטיסעמיטיזם איז ניט קיין פראַגע פון געוויסענס־פרייהייט און בירגערליכע־גלייכבאַרעכטיגונג; אַז די אידישע פראַגע איז אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פּראַגע און אַז דער ריכטיגער ענטפער אויף איהר ליגט אויף דער זעלבער ליניע, וואָס פיהרט צו דער פאַר־ענטפערונג פון אַ ל ע נאַציאָנאַלע פראַגען.

דער דעמאָקראַטישער געדאַנק פון אונזער צייט האָט דעם ענטפער אויף דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם געפונען אין דעם פּרינ־ציפּ פון ז ע ל ב ס ט ־ ב אַ ש ט י מ ו נ ג ס ־ ר ע כ ט. יעדעס פאָלק, אַפילו דאָס קלענסטע, דאַרף באַקומען די מעגליכקייט צו באַשטימען זיין אייגענעם היסטאָרישען גורל, ווערען דער באַלאַבאָס אויף זיין אייגענעם לעבען, אויף וויפיעל דאָס שטערט ניט דאָס זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט פון אַן אַנדער פאָלק.

אין דער איצטיגער צייט קאָן אָבער אַ פאָלק נאָר יעמאָלט אַליין באַשטימען זיין אייגענעם גורל, ווען ער האָט אַן אייגען לאַנד. ממילא האָט דאָס פּאָליטישע דענקען אומעטום געמוזט פיהרען צו דעם קלאָרען באַוואוסטזיין, אַז די אידישע נאַציאָנאַלע פראַגע קאָן ר אַ ד י ק אַ ל פאַרענטפערט ווערען נאָר אין דעם זין פון אַן אייגענער אידישער ט ע ר י ט אָ ר י ע. טראַכט מען אָבער וועגען אַ לאַנד פאַר'ן אידישען פאָלק, אַזוי מוז מען קודם

כל זיך דערמאָנגען אָן ארץ־ישראל, אָן דאָס לאַנד, וואָס האָט שוין אַמאָל באַלאַנגט צו דעם אידישען פאָלק.

אָבער ניט נאָר די אידישע פראגע, די נאַציאָנאַלע פראגע פון אונזער פאָלק, האָט געפיהרט דעם עפענטליכען גע־דאנק פון דער גאַנצער פאָליטישער וועלט צו דעם ציוניסטישען ענד־ציעל. אויך די פראַגע פון ארץ־ישראל ווי אַ לאַנד, די נויטוועגדיגקייט פון איהר וויעדער באַלעבונג און אויפבוי האָט גע־מוזט פיהרען צו דעמזעלביגען רעזולטאַט.

שוין אין די לעצטע יאָהרען פון דעם נייגצעהנטען יאָהר־הונדערט און אין דעם אָנהויב פון אונזערען, האָט זיך קלאָר ארויסגעוויזען די טענדענץ פון דער אייראָפּעאישער קולטור און אינדוסטריע אריינצוציהען אין איהר ממשלה דעם אָפּגעשטאַ־נענעם אזיאַטישען מזרח.

די אייראָפּעאיש־אמעריקאַנישע אינ־דוסטרי און קולטור איז דער אלגעמיין מענשליכער פּראָגרעס. ממילא איז יענע טענדענץ היסטאָריש ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די טענדענץ פון דעם אַלגע־מיין מענשליכען פּראָגרעס צו פאַרשפּרייטען זיין הערשאַפט אי־בער יענע צוריקגעבליבענע לענדער. און אַזוי ווי קיין פּראָגרע־סיווע ערשיינונג קאָן איצטער ניט ארויסטרעטען אין לעבען, סיידען אין יענער פאָרם, וואָס באַהערשט דאָס לעבען, האָט אויך יענע טענדענץ גיט געקאָנט אָננעמען קיין אַנדער געשטאַלט, ווי נאָר די פאָרם פון דעם איצט הערשענדען קאַפּיטאַליסטי־שען רעזשים.

די טענדענץ צו אינדוסטריאַליזירען און צו ציוויליזירען דעם אָפּגעשטאַנענעם אזיאַטישען מזרח, קעמפט דורך זיין וועג אין לעבען אין דער פאָרם פון דעם קאַפּיטאַליסטישען אימפּעריאליזם, אין דעם קאַפּיטאַליסטישען קאַמף צו־ליעב באַהערשען און אויסנוצען די נאַטירליכע רייכטימער פון יענע לענדער און צוליעב באַשאַפען מערק פאַר דער אייראָפּע־אישער אינדוסטריע.

אין דער ערשטער ליניע קומען דאָ אין באַטראַכט יענע אָפּ־געשטאַנענע אַזיאַטישע לענדער, וואָס ליגען נאָהענט צו אייראָפּאַ, וואָס זיינען געאָגראַפיש פאַרבונדען מיט אייראָפּאַ דורך דעם מיטעל־לענדישען ים: קליין־אַזיע, סיריע, פּאַלעסטינא און דער־נאָך ווייטער: פּערסיע, אַראַביע, אינדיע. פּאַלעסטינא איז דאָס לעצטע פון יענע לענדער, וואָס ליגען ביים מיטעל־לענדישען ים. זי איז, ווי היינריך היינע האָט זיך אויסגעדריקט, אַ שטיק אייראָפּאַ, וואָס האָט זיך פאַרוואָגעלט אין אזיע. זי איז דער נאַטירליכער מ י ט ע ל ־ ג ל י ע ד צווישען אייראָפּאַ און אזיע. די אינדוסטריאַליזירונג און אייראָפּעאיזירונג פון יענעם לאַנד איז דעריבער דער נאַטירליכסטער שריט פאַר דער אויבענ־דערמאָנטער טענדענץ.

אַ הויז וואָס ארץ־ישראל ווערט דורך דעם אַריינגעצויגען אין דער ממשלה פון דעם אייראָפּעאישען, ד. ה., דעם אַלגעמיין מענשליכען פּראָגרעס, ווערט דאָרטען באַשאַפען און באַפעסטיגט אַ פּאָסטען פאַר איהם, פון וואַנען ער זאָל קאָנען פאַרשפּרייטען זיין מאַכט און איינפלוס אויך אויף די איבעריגע לענדער.

די אומגעהויערע היסטאָרישע וויכטיגקייט אין באַדייטונג פון ארץ־ישראל פאַר דער ציוויליזירונג פון דעם מזרח באַשטעהט אין דעם, וואָס בעת אַלע אַנדערע אַזיאַטישע לענדער ביים מיטעל־לענדישען ים זיינען שוין מעהר אָדער וועניגער באַזעצט, און זייער אינדוסטריאַליזירונג מוז דורכגעפיהרט ווערען אין אַ קאַמף מיט די אַלטע אַזיאַטישע לעבענס־פאָרמען, וואָס זיינען דאָרטען איינגעוואָרצעלט, איז ארץ־ישראל א ו ו י ס ט לאַנד. עס דאַרף ערשט אויפגעבויט ווערען פון דער נייע. עס דאַרף ערשט ב אַ ז ע צ ט ווערען, און עס קאָן לכתחילה באַזעצט ווערען מיט אַן א י י ר אָ פּ ע א י ש ע ן פאָלק, אָדער מיט אַ פאָלק, וואָס האָט שוין איינגעזאַפּט אין זיך די יסודות פון דער אייראָפּעאישער קולטור און שטעהט אין א שטענדיגען קאָנטאַקט מיט איהר.

דענקט מען אָבער וועגען אַן אייראָפּעאישען פאָלק, וואָס זאָל ווילען און קאָנען באַזעצען דאָס לאַנד און אַריינציהען עס אין דער ממשלה פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, וואָס

זאָל שטעהן אין שטענדיגען קאָנטאַקט מיט דעם אייראָפּעאישַ־אַמעריקאַנישען קולטור־קרייז, און וואָס זאָל קאָנען פאַרשפּרייטען די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע אין דעם ווייטען מזרח, אַזוי מוז מען זיך ווידער אַמאָל דערמאָנען אָן דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט שוין דאָרטען אַמאָל געוואוינט און אַמאָל עס אויפגעהויבען צו אַ הויכער קולטור.

איך שטעל מיך דאָ ניט אָפּ אויף די ספּעציעלע פּאָליטישע מאָטיווען, וואָס ענגלאַנד און די אַליאירטע קאָנען האָבען, בעת זיי נעמען אַרויף אויף זייער פּראָגראַם דעם אויפבוי פון אַ אידישער לאַנד אין ארץ־ישראל. דער אַנאַליז פון יענע מאָטיווען וואָלט מיך אַוועקגעפיהרט צו ווייט, און, אגב, איז קיינעם ניט שווער אַליין צו פאַרשאַפען זיך אַ באגריף וועגען זיי, אויב ער איז נאָר אַביסעלע באַהאַוונט אין דער מאָדערנער פּאָליטיק.

אין קורצען קאָן דאָ נאָר אָנגעדייט ווערען, אַז עס ליגט באַשיינפּערלעך אין ענגלאַנד'ס אינטערעסען צו האָבען ביים דרום־מזרח ברעג פון ים הגדול אַ פריינדליכע באַזעצטע מדינה, וואָס איהר זאָל מען קאָנען אָנטרויען דעם אַריינגאַנג אין דעם סועץ־קאַנאַל, דעם וועג, וואָס פיהרט קיין אינדיע.

שוין די מאָטיוון און די טענדענץ פון דער אַלגעמיינער וועלט־פּאָליטיק זיינען גענוג פאַר אונז צו דערקלעהרען, פאַר וואָס די געניאַלע געדאַנקען פון אַ נאַפּאָלעאָן און אַ ביקאָנספיעלד האָבען ערשט איצטער, אין דער צייט פון דעם וועלט־קריעג, געקאָנט ווערען אַ היסטאָרישע מעגליכקייט.

אָבער זיי זיינען געוואָרען: דער ציוניזם האָט שוין איצטער פאַר זיך ניט נאָר אַ שיין פון מעגליכקייט. פאַר איהם געהט אויף די זון פון ווירקליכקייט, ווייל ער איז געוואָרען אַ קאָנ־קרעטער פּראָבלעם פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, און איך זעה אַבסאָלוט ניט איין קיין איין קראַפט אין דער איצטיגער פּאָליטישער וועלט, וואָס זאָל קאָנען אָפּשטעלען אָט דעם זון־אויפגאַנג.

אין די פּריוואַטע דיסוקסיעס האָט מען מיר אָפטמאָל אויפ־

געוויעזען, אַז דער גאַנצער ענין פון ארץ־ישראל פאַר אידען הענגט אָפּ פון דעם אויסגאַנג פון דעם קריעג. טריאומפירען די אַליאיר־טע, זיינען יעמאָלט געווים דאָ גרויסע שאַנסען פאַר דער פאַר־ווירקליכונג פון דעם ציוניסטישען אידעאַל.

ווי איז אָבער, אַז ס׳וועלען זיעגען די דייטשען? פליהט יעמאָלט ניט פאַנאַנדער דער גאַנצער חשבון ווי א חלום, ווי א רויך?

ניין, ער פליהט ניט פאַנאַדער. פון דעם קריעגס־אויסגאַנג הענגט אָפּ ניט די מעגליכקייט פון דעם ארץ־ישראל געדאַנק, נאָר די א ר ט פ ו ן ז י י ן פ א ר ו ו י ר ק ל י כ ו נ ג.

אפילו ווען די בייזע שעה זאָל חלילה קומען, און דאָס אונ־מעגליכע זאָל געשעהן, אַז דייטשלאַנד זאָל זיעגען און דיקטירען די באַדינגונגען פון פריעדען, וועט דאָס ניט שטאַרק ענדערען די מאָטיווען, וואָס האָבען דעם ציוניזם געמאַכט פאַר א קאָנ־קרעטען פראָבלעם פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

א חלוק איז נאָר דאָ א גרויסער אין דעם פונקט פון דעם זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט פאַר אונטערדריקטע פעלקער, וועל־כען די מאָנאַרכיש־אַריסטאָקראַטישע רעגיערונגען פון די צענט־ראַל־מעכטע קאָנען ניט נעמען אַזוי ערנסט, ווי די רעפּובליקאַנישע און די דעמאָקראַטישע רעגיערונגען פון די אַליאירטע.

אָבער דער חלוק קאָן ניט קלענער מאַכען די שאַנסען אויף דער פאַרווירקליכונג פון דעם ציוניזם. ער קאָן נאָר פיהרען דערצו, אַז דער ציוניזם זאָל זיך רעאַליזירען ניט לויט דעם פּרינ־ציפּ פון זעלבסטשטענדיגקייט פאַר׳ן אידישען פאָלק, אפשר אויך ניט אויף די יסודות פון א ט ש א ר ט ע ר, נאָר אויף דעם קאָנסיוואַטיווערען וועג פון פרייע עמיגראַציע און באַגינסטיגסטע קאָלאָניזאַציע.

דאָס איז געווים זעהר א גרויסער חילוק, און עס קאָן ניט זיין אַלץ איינס פאַר דער אידישער ארבייטערשאַפט, צו ארץ־ישראל וועט געבויט ווערען אויף דעם יסוד פון א טשאַרטער און וועט לכתחילה ש ט א ט ס ־ ר ע כ ט ל י ך דערקלעהרט ווערען

פאַר דער נאַציאָנאַלער היים פון דעם אידישען פאָלק, אָדער עס וועט געבויט ווערען פּריוואַט־רעכטליך אויף די יסודות פון פרייע עמיגראציע און קאָלאָניזאציע.

אָבער דערפון איז נאָר געדרונגען איין זאַך: אַז ס'ליגט אין די נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט צו געהן האַנד אין האַנד מיט די אַליאירטע און צו קעמפען — אין איינעם מיט אַלע אַרבייטער פון די אַליאירטע לענדער — אַנטגעגען אַ זיעג פון דייטשלאַנד, כדי דערמיט צו באַשאַפען בעסערע באַדינגונגען פאַר דער פאַרווירקליכונג פון דעם ציוניזם, אָבער נישט כדי ערשט צו פאַרזיכערען זיין מעגליכקייט.

ווער עס זאָל ניט זיענען אין דעם קריעג, איז די לאַגע אַזאַ, אַז עס איז אַבסאָלוט ניטאָ קיין איין ברעקעל גרונד צו צווייפלען אין דער מעגליכקייט פון דעם ציוניזם.

אדרבה, פאַר די וואָס גלויבען, אַז דער מענשליכער שכל קאָן „אויף געווים" אויסרעכענען, „וואוהין עס טראָגט דער געשיכטליכער שטראָם און וואוהין ער מוז דערטראָגען", וואָלט געווען גענוג טעמים דאָגמאַטיש צו דערקלעהרען, אַז דער געשיכטליכער שטראָם טראָגט איצטער צום ציוניזם מיט אַן אומאויפהאַלטענדער האַסט און אַז ער מוז „על פּי אייזערנער נויטווענדיגקייט" ברענגען צו זיין פאַרווירקליכונג.

איך געהער ניט צו די דאָגמאַטיקער אין דער געשיכטס־פילאָסאָפיע. איך גלויב ניט אין די „על פּי אייזערנע נויטווענדיגקייטען", איך רעכען, אַז דער געשיכטליכער שטראָם לאָזט זיך ניט „נעמען אויף זיכער": אַזאַ טבע האָט ער שוין.

איך גלויב נאָר אין מעגליכקייטען און אין דעם מענשליכען ווילען פון דעם מענשען, און איך זאָג:

אין קיין צייט פון אונזער לאַנגער גלות־געשיכטע איז די פאַרווירקליכונג פון דעם ארץ־ישראל געדאַנק ניט געווען אַזוי מעגליך, ווי גראָד איצטער. און קיין מאָל האָט די צייט ניט אַזוי שטאַרק געפאָדערט פון אונז, מיר זאָלען אָנשטרענגען

אונזער מ ע נ ש ל י כ ע ן ווילען — אונזער ווילען צו לעבען א חשוב'ען לעבען, ווי אלע פרייע פעלקער פון דער וועלט — כדי די מעגליכקייט זאל פארווירקליכט ווערען.

צום שלום נאך איין קליינע באמערקונג וועגען נאך איין קליינער „מעגליכקייט" און איך וועל פארלויפיג ענדיגען מיינע „טענות".

איך ווייס גאנץ גוט, אז ווען דער אייראפעאישער קאפיטא־ליזם רעדט וועגען דער נויטווענדיגקייט צו ציוויליזירען און קול־טיווירען דעם ווייטען מזרח, מיינט ער ניט די הגדה נאר די קניידלעך. ער שטרעבט ניט צו קולטור, נאר צו פראפיט; ניט צו ציוויליזאציע, נאר צו עקספלואטאציע.

אבער דער וואס איז דורכגעגאנגען די מארקסיסטישע שולע אין דעם מאדערנעם סאציאליזם, ווייס אויך גאנץ גוט, אז הינ־טער דעם עגאאיסטישען אינטערעס פון די קאפיטאליסטען, ווי הינטער דעם גאנצען קלאסען־קאמף, שטעהט א העכערע מאכט, איידער דער עגאאיסטישער קלאסען־אינטערעס: די מאכט פון דעם מענשליכען פראגרעס, די ענטוויקלונג פון זיינע שאפענדע כחות. ווי אומגעלומפערט די קאפיטאליסטישע וועלט־ארדנונג זאל ניט זיין, וועט אפילו דער שארפסטער געגנער פון קארל מארקס מוזען צוגעבען, אז דער קאפיטאליזם איז א רעוואלוציא־נערע קראפט, וואס צושטערט אלע פאראלטעטע לעבענס־פארמען און מאכט אויפברויזען אלע איינגעשלאפענע שאפונגס־כחות פון א פאלק.

מיט רעכט ווענדעט אויף איהם מארקס אן מעפיסטאפעלס כאראקטעריסטיק אין געטהע'ס פויסט: דער קאפיטאליזם, זאגט ער, איז „יענע קראפט, די שטעטס דאס בעזע וויל און שטעטס דאס גוטע שאפט".

נעווים ל י י נ ט דער קאפיטאליזם, ווען ער זאגט, אז ווילען וויל ער „דאס גוטע": די ציוויליזאציע, די אייראפעאישע קולטור, דעם אלגעמיין־מענשליכען פראגרעס און די ענטוויקלונג פון די מענשליכע באשאפונגס־כחות.

אין דער אמת'ן וויל דער קאַפּיטאַליזם „דאָס בעזע": געלד און מאַכט, מאַכט און געלד. אָבער למרות צו זיין אייגענעם ווילען וואַקסט דערפון אַרויס אויך „דאָס גוטע": דאָס אויפ־וואַכען פון די מענשליכע באַשאַפונגס־כחות, די ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון אַן אַרבייטער־קלאַס, וואָס הויבט אויף דעם רע־וואָלוציאָנערען קאַמף אַנטגעגען דעם קאַפּיטאַליזם. נאָר — צי דער קאַפּיטאַליזם וויל דאָס אָדער ניט: אומעטום וואו ע ר דרינגט אַריין, געהט הינטער איהם דער מאַן מיט דעם גראָב־אייזען אויף די אַקסלען.

אָהן יענעם מאַן, וואָס דאַרף איהם „גראָבען די אוצרות פון דער שאַכט", קאָן דער קאַפּיטאַליזם ניט מאַכען קיין איין שריט.

אָבער — גראָבענדיג די אוצרות פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, גראָבט יענער מאַן ניט נאָר אַ קבר פאַר דעם גאַנצען קאַ־פּיטאַליסטישען סיסטעם, נאָך אויך דעם פונדאַמענט פאַר אַ נייען געזעלשאַפטליכען בנין, וואו ער, דער מאַן מיט דעם גראָב־אייזען אויף די אַקסלען, וועט זיין דער איינציגער באַלאַבאָס: דעם בנין פון דעם סאָציאַליזם.

ווען דער אידישער קאַפּיטאַל וועט אין ארץ־ישראל באַשאַפען אַ פּאָסטען פאַר דער מאָדערנער אייראָפּעאישער אינדוסטריע און קולטור; אַ פעסטונג, פון וועלכער זי וועט פאַרשפּרייטען איהר ממשלה אין דעם ווייטען מזרח, וועט די אידישע אַרבייט, וואָס וועט געהן מיט איהם אַהין, באַשאַפען אַ פּאָסטען פאַר דער מאָ־דערנער אַרבייטער־באַוועגונג און דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַ־ליזם — אַ צענטער, פון וועלכער דער סאָציאַליסטישער געדאַנק וועט אויפוועקען צו אַ היסטאָרישען לעבען און שאַפען די מיליאָנען פאַרשקלאַפטע און פאַרשלאָפענע אַרבייטער־מאַסען פון דעם וויי־טען אָריענט.

עס איז ניט קיין אוטאָפּיע, נאָר אַ זעהר גוט באַגרינדעטע מעגליכקייט, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט אין ארץ־ישראל שפּיעלען די ראָלע פון אַ בינדענדען מיטעל־גליעד צווישען

דעם איירָאָפּעאישען פּראָלעטאַריאַט און די אַרבייטער־שיכטען פון דרום אַזיע.

עס איז ניט קיין אוטאָפּיע, אַז די אידישע ארבייטערשאַפט זאָל פאַר יענע לענדער שפּיעלען די זעלבע ראָלע, וועלכע דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט האָט געשפּיעלט אין איירָאָפּאַ ביז צו די אכציגער יאָהרען און וועלכע דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט האָט געשפּיעלט ביז צו דעם איצטיגען קריעג: די ראָלע פון אַ גייסטיגען פיהרער, וועג־ווייזער אין דעם קאמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענשהייט.

LIBRARY
MAR
1979
UNIVERSITY OF TORONTO

## פאָלגענדע ביכער און בראשורען איז צו באַ־
## קומען אין פועלי ציון פערלאַג

ארץ ישראל פון ד. בן גוריון און י. בן צבי — — — $2.00

„יזכור“ (צווייטע אויפלאַגע) — — — — — — — $1.50

די פאָדערונג פון דער אידישער ארבייטערשאַפט
(מעמאָראַנדום צום אינטערנאַציאָנאַל) — — 25 סענט

פועלי־ציון (ענגליש) פון פראָפ. חיים פײנמאַן — — 15 סענט

פאַלעסטינא ארבייטער פאָנד פון בן צבי — — — 03 סענט

„סאָציאַליזם“ פון חיים קאַנטאָראָוויץ — — — — — 8 סענט

ארץ ישראל אלס לאַנד פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע
פון י. בן צבי — — — — — — — — — — 12 סענט

דער נאַציאָנאַל פאָנד און די פועלי־ציון פון יצחק זאַר 07 סענט

פאַלעסטינא ארבייטער פאָנד (ענגליש) פון יצחק זאַר 10 סענט

די אידישע רעליגיאָן אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער
ערציהונג פון ח. ליבערמאַן — — — — — 10 סענט

איד און מענש פון דר. חיים זשיטלאָווסקי — — 20 סענט

פאַראײנען באַקומען ראַבאַט.

PURCHASED FOR THE

*University of Toronto Library*

FROM THE

*Joseph and Gertie Schwartz*
*Memorial Library Fund*

FOR THE SUPPORT OF

*Jewish Studies*

UNIVERSITY OF TORONTO
3 1761 00281884

Zhitlowsky, Chaim
Eretz yistoel un di
yidishe

DS
125
Z5